האבען זיך דאס דיעזע פאליטישענס פערבונדען מיט די חברה פון דער אונטערװעלט און צוזאמען האפען זײ די יוניאן צו פערניכטען. נאטירליך פאר זײער צװעק איז עס העכסט נײטליך צו מאכען אונזערע פיהרער א נאמען אין דער װעלט אלס פערברעכער. דער טרײעל, װאס האט זיך ערשט געענדיגט, האט קלאהר בעװיזען, דאס יעדע געשיכטע װי לעכערליך זי זאל ניט זײן, אויב זי איז נור געציעלט געגען א יוניאן, װערט מיט פרײד אויפגענומען אין דעם דיסטריקט אטוירני׳ס אפיס.

* * *

**העלפט דעם פערטהיידיגונגס־פאנד היינט!**

דער אמת און די גערעכטיגקײט װעלען זיעגען װידער אזױ װי זײ האבען געזיעגט לעצטען מאנאט. אבער אום צו קענען בעקעמפפען די בלבולים פון פײנד, מוז מען האבען די מאטעריעלע מעגליכקײטען, מען מוז האבען געלד.

די אלע טרײעלס װעלען אבקאסטען דער יוניאן א פערמעגען, און דאס איז דער שװאכסטער פונקט אין אונזער פאנצער. ביז איצטער איז עס אונזערע פײנד ניט געלונגען צו שעדיגען דעם נאמען פון דער יוניאן, אבער זײ איז יע געלונגען ארױסצוציהען גרויסע סומען געלד פון אונזער קאסע. דאס איז געװיס א טהײל

עקאנאמישע שטערונגען וואס די איראפעאישע מלחמה האט פעראורזאכט.

אמאל, ווען עס פלעגט זיך מאכען א קריזיס אין לאנד, פלעגען די יוניאנס פערלירען א סך מעמבערס. די פיהרער פלעגען דאן אלע זייערע כחות מוזען אנשטריינגען איינצוהאלטען די מעמבערס אין די ארגאניזאציאנען. אין אזוינע צייטען ווערען געוועהנליך די באסעס ביזי מיט דריקען די ארבייטער. זיי ווייסען, אז דער מארקעט פון ארבייט איז איבערפילט און זיי ווילען די געלעגענהייט אויסנוצען. פאראיאהרען אבער האבען די ארבייטער אנגעהאלטען זייערע קאנדישאנס טראץ די שלעכטע צייט. נאכמעהר, אלע וויכטיגע ארגאניזאציאנען האבען נאך אין דער צייט געמאכט א פערזוך די רייהען זייערע צו פערשטארקען און די קאנדישאנס צו פערבעסערן, און זיי האבען געהאט, מעהר אדער ווייניגער ערפאלג.

ארבייטער פערשטעהען איצטער ווי טהייער צו האלטען זייערע ארגאניזאציאנען. זיי פיהלען, אז די יוניאן איז זייער הויפט שטיצע און הויפט שוץ אין לעבען. דיעזער פראגרעס אין דעם ארבייטער'ס איבערצייגונג וועט אויך מיטבריינגען דאס די יוניאנס זאלען וואקסען אין צאהל און דאס די ארבייטער זאלען יערען יאהר פערבעסערן זייער לאגע. דער „דריי מילליאן מארק", וואס די אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר זוכט צו דערגרייכען, איז ניט אזוי ווייט פון איהר.

* * *

**פריערנס אויסזיכטען אין די אינטערעסען פון די ארבייטער**

די קאנוועגשאן פון דער אמעריקאן פעדערישאן אוו לייבאר דיעזען יאהר, איז וויכטיג צוליעב נאך אן אורזאכע — דער פאקט, דאס מען קען ערווארטען, אז אין יוראפ וועט אין גיכען שלום געשלאסען ווערען צווישען די קריעגערישע לענדער. מען דארף ניט זיין קיין גרויסער פאליטיקער צו בעמערקען, דאס די לענדער ווייזען ארויס סימנים פון מיעדקייט. נור דורך א נס ווען די פעלקער קענען מלחמה האלטען נאך א יאהר אויף אזא פערצווייפעלטען שטייגער ווי זיי פיהרען די מלחמה איצטער.

די ענדע זעהט זיך נאך מארלייפיג ניט קלאהר פאר די אויגען, אבער מען קען ניט וויסען ווי שנעל דער סוף וועט דאך קומען. די פאסירונגען אין יוראפ געהען מיט א וואונדערבארע גיכקייט.

די פילאדעלפיער קאנווענשאן האט אנגענומען א רעזאלוציאן, וואס גיט דעם עקזעקוטיוו קאונסיל דאס רעכט צונויפצורופען א מיטינג פון די פארשטעהער פון ארגאניזירטע ארבייטער פון פערשיעדענע פעלקער אין דער צייט און אין דעם פלאץ וואו דער פריעדענס־קאנגרעס וועט אבגעהאלטען ווערען. דער צוועק פון דעם מיטינג זאל זיין — צו נעהמען אזעלכע שריטע, וועלכע וועלען העלפען צוריקבריינגען ברידערליכע בעציהונגען און וועלכע וועלען שיצען די אינטערעסען פון די ארבייטער. מעגליך דאס דיעזער מיטינג וועט מוזען אבגעהאלטען ווערען בעפאר די נעקסטע קאנווענשאן פון דער א. פ. או ל. און פערשיעדענע וויכטיגע פראגען וועלען מוזען געלייזט ווערען.

די מלחמה האט פעראורזאכט א גרויסע צאהל אינדוסטריעלע און פאליטישע ענדערונגען, אויך פיעלע ענדערונגען אין דער ארט און ווייזע פון דענקען. דער וויכטיגסטער געדאנק וואס דיעזע מלחמה האט געמוזט אריינבריינגען אין די קעפ פון די ארבייטער איז, דאס אהן די מיטווירקונג פון די ארבייטער וואלט עס אונמעגליך געווען די מלחמה צו פיהרען.

ווען מען וועט נעהמען צוריק אויפבויען די פער'חרוב'טע לענדער נאך דער מלחמה, וועט מען אויך מוזען האבען די מיטווירקונג פון ארבייט. ארבייט וועט אויפגעפאדערט ווערען צו טהאן אלעס אין איהרע כחות צוריק אויפצובויען די אינדוסטריען פון דער וועלט. און דארום איז עס נויטיג דאס די ארבייטער זאלען זיין גרייט צו פאדערן און בעשטעהן אויף זייערע רעכטע. אין פערגאנגענע צייטען האט עס געוועהנליך פאסירט, דאס נאך מלחמות פלעגען די ארבייטער אונטערדריקט ווערען און די באסעס אבלעקען א פעטע ביינדעל. איצטער זיינען אבער די ארבייטער מעהר אויפגעקלעהרט. אין דער צייט פון מלחמה זאגאר האבען די ארבייטער זייער שטעלונג ניט פערלארען. ספעציעל איז דאס דער פאל געווען אין ענגלאנד. א נייער פאקטאר איז אריינגעבראכט געווארען אין דעם אינדוסטריעלען לעבען — די פרויען זיינען אריין אין די טריידס, וואס זיינען בעפאר אין גאנצען פערנומען געווען פון מענער, און זיי קריגען גלייך בעצאהלט ווי די מענער — דאס האבען די יוניאנס פון ענגלאנד אויסגעפיהרט.

* * *

ציעלע לאנגע פון די ארבייטער. ער איז געוועזן בעזונדערס טהעטיג ביי די קלאוק־פרעסערס. און די קלאוק־פרעסערס יוניאן לאקאל 35 טראגט אויף זיך היינט דעם סטעמפעל פון זיין פערזענליכען איינפלוס און פלייסיגע ארבייט צו פערבעסערען די ארבייטס־קאנדיציאנען. די פרעסערס יוניאן איז פעסט ארגאניזירט; זי האט א סיסטעם פון בענעפיטס און א סטאטיסטישע אבטהיילונג. אט דיזע אינגערע אויסבעסערונגען אין דער ארגאניזאציאן האט זי צו פערדאנקען זינגמאן׳ס אריגינעלע אידעען און גרויסע איבערגעבענהייט צו דער יוניאן, אין דער צייט ווען ער איז געוועזן דער סעקרעטער פון דעם לאקאל.

דער פאקט, אז ער האט געשפיעלט א גרויסע ראלע אין דער ריעזיגער ארגאניזאציאנס־ארבייט פון דעם היסטארישען דזשענעראל סטרייק אין 1910, איז גענוי ערקלעהרט געווארען פון מארים הילקוויט אין פערלויף פון דעם פראצעס. זינגמאן׳ס קאריערע — אלס מענעדזשער פון דעם אמאליגען 10טען סטריט אפפיס פון דער קלאוקמאכער יוניאן, אלס וויים־פרעזידענט און ארגאנייזער פון דער אינטערנעשאנאל, אלס א מעמבער פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און זיין ערוועהלונג צו דעם הויכען אמט פון דזשענעראל סעקרעטער־טרעזשורער — אט דיזע פערשיעדענארטיגע טהעטיגקייט ציינען זיין פיעל־זייטיגקייט, עהרליכקייט און גוטען כאראקטער.

עס פרעהט אונז צו זאגען, אז הגם ברודער זינגמאן פיהלט זיך פיזיש אבגעשוואכט, צוליעב א לאנגע נערוועזע אנשטרענגונג, איז אבער זיין בעגייסטערונג פאר דער ארבייטער־בעוועגונג און זיין ערגעבענהייט צו אונזער יוניאן נאך אזוי פריש ווי אין אלטע צייטען. עס איז ניט קיין לייכטע זאך פאר מענשען פון זיין כאראקטער, זיך פאלשטענדיג צו דערווייטערען פון דער געזעלשאפט און אידעען, וואס האבען בעאיינפלוסט זייער לעבען פאר פיעלע יאהרען. און מיר האפען אלזא, מיר זיינען כמעט ווי זיכער, אז נאכדעם ווי ברודער זינגמאן וועט פאלשטענדיג קומען צו זיך אין געזונד, וועט ער ווידער שטעלען זיין קענטשאפט און לאנגע ערפאהרונג צו דעם דיענסט פון אונזער ארגאניזאציאן. און מיר דארפען דא ניט זאגען, אז ער וועט אונז צו יעדער צייט זיין הערצליך ווילקאמען. דערווייל אבער ווינשען מיר איהם א געשווינדע, פאלשטענדיגע ערהאלונג, און ערפאלג אין זיינע אונטערנעהמונגען.

אין דער זעלבער צייט דארף דא ערקלעהרט ווערען, אז מיר קענען נאך ניט בעקאנט מאכען ווער עס וועט זיין זינגמאן׳ס שטעל־פערטרעטער: די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט בעשלאסען, אז די ניו יארקער מעמבערס פון באארד זאלען נאמינירען פאסענדע קאנדידאטען פאר דעם אמט און זייערע נעמען זאלען צוגעשיקט ווערען דורך פאסט צו אלע מעמבערס פון באארד פאר אבשטימונג.

אגב לאמיר דא בעמערקען, אז עס איז געווען אונמעגליך צו געבען אין דיעזען נומער דעם בעריכט פון די פערהאנדלונגען פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין פילאדעלפיא. דער בעריכט וועט ערשיינען אין נעכסטען נומער.

## די קאנווענשאן פון אמעריקען פעד. אוו לייבאר אין סען פרענציסקא

די יעהרליכע קאנווענשאנס פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר ווערען בעטראכט אלס וועג־ווייזערס וואס מעסטען די שטרעקע פון פראגרעס וואס די ארגאניזירטע ארבייטער מאכען יעדען יאהר. קיין איין יאהר געהט ניט פערביי וואס זאל ניט ווייזען פראגרעס. יעדען יאהר ווערען מעהר און מעהר ארבייטער אריינגעבראכט אין די יוניאנס, און ווען די יוניאנס וואקסען, ווערען די קאנדישאנס נאטירליך פערבעסערט. דיעזען יאהר וועט די קאנווענשאן אבגעהאלטען ווערען אין סאן־פראנציסקא.

פאר די לעצטע צוויי יאהר, זייט די א. פ. אוו לייבאר האט דערגרייכט א מעמבערשיפ פון צוויי מיליאן, האט זי זיך געשטעלט אלס איהר אויפגאבע צו דערגרייכען א מעמבערשיפ פון 3 מיליאן. לעצטען יאהר איז דער צואוואוקס געווען 20 טויזענד. דיעזען יאהר מעגען מיר אויך ערווארטען א גרויסען צואוואוקס טראץ די ארבייטסלאזיגקייט פון לעצטען ווינטער און די

נויטיגע געזעצע צו בעשיצען די ארבייטער.

די טענה, דאס די פרוי איז פיזיש און גייסטיג אנדערש געבויט ווי דער מאן און דערפאר איז זי ניט פאסיג צו וואוטען, האט קיין ממשות ניט. מען קען פונקט אזוי זאגען, דאס מענער פון פערשיעדענע גרופען און קלאסען זיינען פערשיעדען איינע פון די אנדערע פיזיש און גייסטיג. מאנכע זיינען מעהר געבילדעט, מאנכע זיינען מעהר ענטוויקעלט. וועט איהר זאגען, אז די וואס האבען די מעגליכקייט זיך בעסער צו בילדען און ענטוויקלען זאלען האבען די שטים־רעכט און די אנדערע ניט? אזוי האט מען, ווירקליך, געגלויבט אין מיטעל־אלטער. איצטער איז דיעזער געדאנק אן אבגעלעבטער, ער בעלאנגט צו דער געשטארבענער פערגאנגענהייט. אז מענשען זאלען איצטער אויף דיעזען גרונד זיין געגען פרויען שטים־רעכט איז ווירקליך כמעט אונגלויבליך.

די טענה, ווידער, דאס אין די סטייטס וואו די פרויען האבען דאס שטים־רעכט האבען זיי ניט אויפגעטהאן אין פאליטיק דאס וואס מיר האבען פון זיי ערווארטעט, איז נאריש. פון מענער האט מען אויך פיעל מעהר ערווארטעט ווי דאס וואס זיי האבען ביז איצט אויפגעטהאן. וואו ארבייטער ליידען פון שלעכטע געזעצע אדער פון מענשען וואס פיהרען די רעגיערונג, זיינען שולדיג אין דעם מעהר די אבגעלאזענקייט און גלייכגילטיגקייט פון די מענער ווי פון די פרויען. דאס בעווייזט בלויז דאס מיר מוזען מעהר אגיטירען, מעהר לערנען די מאסען און פרויען מעהר די ארבייטער צו פעראייניגען. די וואס בענוצען זיך מיט די גלייכגילטיגקייט פון די פרויען אין קאלאראדא אלס אן ארגומענט פאר ניט געבען די פרויען שטים־רעכט אין ניו יארק אדער פענסילווייניא, ווילען פערלייקענען דער פרוי איהר רעכט און פרייהייט אויף דעם גרונד פון זייערע איינענע פילאזאפישע ספעקולאציעס. מיר זיינען פאר רעכט, פאר פרייהייט, פאר גערעכטיגקייט פאר די ארבייטער פרוי, און דארום דאכטען מיר אונזערע מעמבערס צו שטימען פאר פרויען שטים־רעכט דעם צווייטען נאוועמבער.

* * *

שטימט געגען דער נייער קאנסטיטושאן

אויף אן אנדער פלאץ אין דיעזען נומער, זיינען אנגעגעבען די אורזאכען, וואס די סטייט פעדערײשאן אוו לייבאר האט פעראפענטליכט, ווארום מיר מוזען וואוטען געגען דער נייער קאנסטיטושאן.

די נייע קאנסטיטושאן וועט נוצען ברייגגען די קלאסען וואס זיינען געגען ארבייטער און וועט זיין א געפאהר פאר דעם ארבייטער קלאס. איינ־איינציגע פון די אנגעגעבענע אורזאכען וואלט גענוג געווען, אז מיר זאלען ארויסטרעטען העפטיג געגען דער נייער קאנסטיטושאן, און אזוי ווי עס זיינען דא אזוי פיעל אורזאכען איז אונזער פפליכט געווים צו שטימען „נא" אויף די אמענדמענטס וואס בעציהען זיך אויף דער נייער קאנסטיטושאן.

## אונזער דזשענעראל סעקרעטער־טרעזשורער רעזיגנירט פון זיין אמט

ברודער מאררים זיגמאן האט אדרעסירט דעם פאלגענדען בריעף צו דעם לעצטען מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וואס איז אבגעהאלטען געווארען אין פילאדעלפיא פון מאנטאג דעם 18 ביז דאנערשטאג דעם 21טען אקטאבער:

צו די מעמבערס פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואירקערס יוניאן.

ברידער: —

מיט גרויס פערדרוס און טיעפען בעדויערען קומט מיר יעצט אויס נאך א מאל צו קומען צו אייך מיט דעם פערלאנג, אז איהר זאלט אננעהמען מיין רעזיגנאציאן אלס דזשענעראל סעקרעטער־טרעזשורער — דעם אמט פאר וועלכען איך בין ערוועהלט געווארען ביי דער קליוולענדער קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל, אין דזשון, 1914.

ווי איהר געדיינקט, האב איך אנגעגעבען מיין רעזיגניישאן נאך מיט א יאהר צוריק, ביי דעם פיערטעל־יעהרליכען מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, וואס איז אבגעהאלטען

**מעהר איינינקייט אין אונזערע רייהען**

די מלחמה האט פערניכטעט די אויסערליכע פארמען פון דעם אינטערנאציאנאלען סאציאליזמוס, אבער דער עיקר פון אינטערנאציאנאלע ארבייטער סאלידאריטעט איז פערבליבען אין די מוחות און די הערצער און וועט אויף דאס ניי ערוואכען און אויפלעבען ווען די מלחמה וועט זיך ענדיגען.

די נויטיגע זאך איצטער איז, דאס די פערשיעדענע טהיילען פון דער ארבייטער בעוועגונג אין לאנד זאל זיך בעסער פעראייניגען. אמעריקא ווערט שנעל די וויכטיגסטע לאנד אין פיעלע הינזיכטען: אין אינדוסטרי, פינאנץ, דעמאקראטי און פרייהייט. די אמעריקאנער ארבייטער־בעוועגונג האט דארום אויף די געלעגענהייט צו ווערען דער פיהרענדער גייסט פון דער אלגעמיינער בעוועגונג פון ארבייט און פראגרעס. עס פאדערט זיך דערויף בלויז איין זאך — אז אלע טהיילען פון אונזער בעוועגונג זאלען זיך פעראייניגען פאר איין אלגעמיינע שטרעבונג. די פערשיעדענהייטען וואס האלטען אונז פאנאנדערגעטהיילט זיינען איצטער ניט אזוי גרויס ווי זיי זיינען אמאל געווען. ביידע פליגלען פון דער בעוועגונג גלויבען איצטער, דאס פאליטישע טהעטיגקייט איז נויטיג צו פערשטארקען און אויפצוהאלטען די געווינסטען וואס מיר קריגען אויף דער עקאנאמישער פעלד. מיט יעדען יאהר וואקסט די צאהל פון ארבייטער וואס נעהמען אויף ראדיקאלע פרינציפען און הויבען אן צו גלויבען אין דעם סאציאליזמוס אלס דער ענדציעל צו וועלכען די לענדער פון דער גאנצער וועלט געהען. די אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר איז ניט געגען פאליטישע טהעטיגקייט און די סאציאליסטישע פארטיי שטיצט איצטער מיט ענטהוזיאזמוס אלע פראקטישע טרייד־יוניאן מעטהאדען צו פערבעסערן קאנדישאנס. די סאציאליסטישע פרעסע דיענט געטריי די ארבייטער אין צייט פון סטרייקס און געזעצליכע פערפאלגונגען. ביידע פליגלען פון דער בעוועגונג האבען פיעל מעהר עהנליכקייטען ווי פערשיעדענהייטען. אין דעם איצטיגען וועלט־קריזיס איז די נויטווענדיגקייט פאר איינינקייט און הארמאניע און קאאפעראציאן פיעל גרעסער ווי דאס איז ווען־עס־איז געווען. די סאן־פראנציסקא קאנווענשאן וועט טהאן א גרויסע זאך, אויב זי וועט נעהמען א שריט אין דיעזער ריכטונג צו בריינגען די צוויי טהיילען נעהענטער איינע צו די אנדערע.

## דאס שטים־רעכט פאר ארבייטער פרויען

פון צייט צו צייט ערשיינען ריהרענדע אפיעלס אין דער ארבייטער פרעסע, אז די מענער זאלען געבען די שטים־רעכט צו די פרויען. אזעלכע אפיעלס צו טרייד־יוניאניסטען און צו סאציאליסטען דארפען זיין אין גאנצען איבעריג.

דער קאפיטאליסטישער קלאס האט אורזאכען מורא צו האבען פאר אירגענד וועלכען פראגרעס אין דעמאקראטי און פרייהייט, ווייל אזא פראגרעס נעהמט ביי איהם עטוואס אוועק — עס נעהמט ביי איהם אוועק די אויסשליסליכע רעכטע וואס ער האט דורך זיין געלד־מאכט. און דעריבער זעהען מיר דאס די וואס זיינען פערקאכט אין מאכען געלד, זיינען מיט ווייניגע אויסנאהמעס געגען פרויען שטים־רעכט. אבער אויף וואס פאר א גרונד קענען ארבייטער זיין געגען רעכטע פאר פרויען?

פאר יוניאן־לייט הייסט געבען דער פרוי דאס שטימרעכט: צו פערווירקליכען אין פאליטיק דעם זעלבען פרינציפ פון גלייכהייט, וואס עס הערשט אין די יוניאן־ארגאניזאציאנען. עס איז איינפאך אבסורד פאר אן ארבייטער ניט צו געבען דער פרוי דיזעלבע רעכטע אין פאליטיק וואס ער גיט איהר אין שאפ און אויף דעם יוניאן־מיטינג. מיר גלויבען אין גלייכע וויידזשעס פאר גלייכע ארבייט. מיר בעגרענעצען ניט אויף א האר דער פרוי'ס שטימע אין יוניאן־אנגעלעגענהייטען — דער יעניגער וואס זאלט אגיטירט דאפיר, אז מען זאל די פרויען־מעמבערס אין א יוניאן בעגרענעצען די רעכטע, וואלט אויסגעלאכט געווארען. אלס יוניאן־לייט מוזען מיר שטעהן פאר פאלשטענדיגע גלייכהייט אין פאליטיק פונקט ווי אין אינדוסטרי. נאך מעהר, מיר קליימען דאס די גערעכטיגקייט פאדערט, אז די פרוי זאל וואוטען. מיר האבען אין אונזערע טריידס ארגאניזירט ארום 40 טויזענד פרויען און מיידלאך, און מיר געפינען צווישען זיי דעם זעלבען פראצענט אינטעליגענטע און ענערגישע יוניאן־לייט ווי צווישען די מענער־ארבייטער. ווען די פרויען וואלטען געהאט די רעכט צו שטימען, וואלטען זיי זיך בעסער געקענט בעשיצען געגען שלעכטע בעלי בתים. זיי וואלטען אויך געהאלפען זייערע ברידער ארבייטער צו קעמפפען פאר אלערליי רעפארמען אין דער רעגירונג און פאר דורכפיהרען

# יענע נאכט

(איינדריקע פון די לעצטע שטונדען פונ'ם פראצעס פון אונזערע חברים)

פון ה. לאנג.

איהר'ט אפשר שמייכלען...

— סענטימענטאל.

איך שעהם זיך נים.

און זאל מען דאס געדיינקען: דאס האט פאסירט פרייטאג, דעם 8טען אקטאבער, 1915, האלב צעהן ביינאכט.

א, יענע נאכט!

איהר'ט דאס אנרופען א ה י ס ט א ר י ש ע נ א כ ט. יא, אבער היסטארישע נעכט און היסטארישע טעג האט די ארבייטער בעוועגונג פיעלע—און גאנץ אפט.

עס איז מעהר ווי דאס!

* * *

צוויי וואכען צייט האט מען זיי אוועקגע־שטעלט אינ'ם צענטער פון דער עפענטליכקייט. דער שטאאט וויל ווייסען ווי אזוי עס איז פאר־געקומען דער קאמפף פון די קלאוקמאכער אינ'ם יאהר 1910. איז דאס געווען א טומעל גלאט אין דער וועלט אריין, א מאסען־משוגעת. א צוזאמענגעלאפענע ווילדע מא־ע, אהן פער־אנטווארטליכקייט, אהן פיהרערשאפט, מיט דער אבזיכט צו פילדערן און הרג'ענען און מאר־דען די, וועלכע ווילען נים אריין אין דער כנופיא פון די טומלער?

דער שטאאט וויל וויסען...

עס איז געווען א רעוואלוציאן אין דער קלאוק־אינדוסטרי. איהר האט געפיהרט א קאמפף צו לינדערען די ליידען פון צעהנדליגע טויזענדער פאמיליען. עס איז געווען אן אר־גאניזירטע מלחמה פאר מעהר ברויט און מעהר פרייהייט פאר אויסגעמאטערטע, הונגעריגע און בעליידיגטע. עס איז געווען א מאססען־דראנג פאר אבי עלע מעהר גליק אין לעבען און א שטיקעלע דעה אין דער פיהרונג און בעשטימונג פון דער ארבייט, וואס שפייזט און האלט אויף דאס לעבען. דער קאמפף האט געהאט זיינע פערספעקטיוען. ער האט געהאט א ציעל. די, זינגמאן, און די מעטץ, און די וואולף, און איהר אלע, וואס שטעהען דא אין דעם צענטער פון דער עפענטליכקייט, זייט געווען פיהרער פון ריעזען קאמפף — ז י י נ ע ן א י י ע ר ע ה ע נ ד ר י י ן פ ו ן ב ל ו ט? אייער קאמפף האט געהאט שטערע.—ה א ט א י ה ר נ ע פ ר ע ד י נ ט ז י י צ ו ע ר מ א ר ד ע ן? ה א ט א י ה ר א ל י י ן נ ע פ ל א נ ע־ו ו ע ט א מ א ר ד? און ווען דורכגעפיהרט, האט איהר געטראמפעלט מיט אייערע פיס אויף דעם טויטען קערפער — הא?!...

איהר ווייסט דאך, דער שטאאט איז דער בע־שיצער פון דער געזעלשאפט... מעהר, דאס לעבען פון יעדען איינצעלנעם מענשען איז איהם טהייער... און — „עין תחת עין" — איהר'ט קריגען די זעלבע שטראף...

און אזוי זיינען זיי געשטאנען אונטער די בליקען פון דער „עפענטליכער מיינונג" און גע־גענאיבער דער „מאראס גערעכטיגקייט", וואס מעסט און וועגט... מעסט און וועגט...

* * *

א קליינער עפיזאד:

דאס איז געווען אין מאנאט תשון. אונ־זערע מארטירער זיינען דאן געווען הינטער די גראטעס אינ'ם „האטעל" טומס. מיר האט זיך פערוואלט זיי בעזוכען, זיי הארציג בעגריסען, זיי — די ליידענדע פון א בלבול פון אונזערע שונאים. איך האב געקראגען די געלעגענהייט. איך קוק אויף זינגמאן דורך די שפאלטען פון דער אייזערנער טהיר וואס טהיילט אונז פונאנ־דער. עס ווילט זיך עפעס זאגען, טרייסטען, ערמוטהיגען... איז אבער די הארץ פול... עס רעדט זיך נים...

איך בעמערק ווי א טונקעלער יונגערמאן שפאנט ארום הין און צוריק, הין און צוריק, און אזוי נערוועזיש, צוטרייסעלט, צושראקען. און די אויגען זיינע, אזעלכע גרויסע, ארויס־געשטארצטע, מיט אזוי פיעל שרעק און פיין, און ער שפרייזט הין און צוריק, הין און צוריק...

געוואָרען אין באָסטאָן, אין אָקטאָבער 1914. איך האָב דעמאָלט גענוי ערקלעהרט די אורזאַכען וואָס האָבען מיך דערצו געצוואונגען. איך וועל יעצט נאָך א מאָל ווידערהאָלען די פאַקטען און האָף, אז איהר וועט יעצט איינזעהן, דאָס עס איז אייער פליכט מיין רעזיגנאַציאָן אַנצונעהמען.

איך האָב זיך אָנגעהויבען פיהלען שוואַך אין געזונד נאָך פאַר דעם קליוולענדער קאָנווענשאָן. דער שענדליכער בלבול וואָס די שונאים פון דער יוניאָן האָבען געמאַכט אויף מיר און מיינע קאָלעגען, און די 12 וואָכען וואָס איך בין געווען איינגעשפּאַרט אין פּריזאָן, האָבען געקענט ברעכען א געזונדערען מענש פאַר מיר. איך האָב אָבער דאַן ניט געוואוסט ווי ווייט ערנסט דער צושטאַנד פון מיין געזונד איז געווען. נאָך דער קאָנווענשאָן האָב איך זיך אָנגעפאַנגען פיהלען אַלץ שוואַכער און שוואַכער. עס עס איז פאַר מיר געוואָרען אַלץ קלעהרער, אז איך בין ניט אימשטאַנד פאָלשטענדיג צו ערפיהלען די פליכטען און פונקציאָנען פון מיין אַמט. איך האָב זיך דאַן געווענדעט צו פראָמינענטע דאָקטוירים און זיי האָבען מיר געהייסען פערלאָזען דעם אַמט, אויב איך וויל ניט אז מיין געזונד זאָל אין גאַנצען רואינירט ווערען.

פון דעם באָסטאָנער מיטינג ביז יעצט איז דער צושטאַנד פון מיין געזונד פיעל ערגער געוואָרען. די אורזאַכען דערפון זיינען אַזוי קלאָר פאַר אַלעמען, אז מען דאַרף זיי דאָ ניט ערקלעהרען. איצט פערזאָגען מיר די דאָקטוירים שטריינג, ניט צו בלייבען אין מיין אַמט. זיי ראַטהען מיר, דאָס אויב איך וויל זיך ראַטעווען, זאָל איך זיך צוריקציהען פון מיין איצטיגער טהעטיגקייט און פערלאָזען דעם שטאָרטישען לעבען כאָטש פאַר א יאָהר צייט. איך בין דעריבער פשוט געצוואונגען אויסצופאָלגען זייערע אָרדערס.

גלויבט מיר, מיינע ברידער, אז דאָס איז פאַר מיר ניט קיין זעהר אנגענעהמע זאַך. איך האָב די גאַנצע צייט שטאַרק געשעצט די גרויסע עהרע, וואָס די פערטרעטער פון דער גרויסער מיטגליעדערשאַפט פון אונזער אינטערנעשאָנאַל האָבען מיר צוגעטהיילט, מיט דעם וואָס זיי האָבען מיך ערוועהלט פאַר דיעזען וויכטיגען אַמט. איך האָב געפיהלט די גרויסע פעראַנטוואָרטליכקייט און האָב זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כחות צו ערפילען מיינע פליכטען.

עס וואָלט נאַטירליך געווען מעהר צופריעדענשטעלענד פאַר מיר אַליין, ווען איך וואָלט געווען אימשטאַנד צו פערבלייבען ביז צו ענדע פון מיין טערמין. ליידער פיהל איך זיך ניט אימשטאַנד אַזוי פיעל אָנצושטריינגען מיין געזונד און איך בין זיכער, אז איהר ערוואַרט ניט פון מיר אַזאַ אָפּפער.

איך וויל אייך אָבער פערזיכערען, ברידער, אז מיין רעזיגניישאָן אַלס סעקרעטער־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאָנאַל הייסט ניט, דאָס איך רעזיגניר אַלס מיטגליעד פון דער אָרגאַניזאַציאָן, וואָס איז אונז אַלעמען טהייער. איך פערבלייב א מעמבער פון לאָקאַל 35, קלאָוק, סקוירט און דרעס פרעסערס יוניאָן. איך בלייב אין די רייהען פון דער גרויסער, קעמפּפענדער ארבייטער ארמעע און אַזוי גיך ווי איך וועל צוריק געווינען מיין געזונד, וועל איך אימער זיין בערייט צו קעמפּפען צוזאַמען מיט מיינע שוועסטער און ברידער פאַר דער ערהאַבערונג פון מעהר פרייהייט און גליק אין אונזער ארבייטער לעבען.

מיט ברידערליכען גרוס,

מאָררים זיגמאַן.

פון דער רעדאַקציאָן. —

אויף דעם מיטינג אין באָסטאָן האָט די דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד נע׳פועל׳ט ביי ברודער זיגמאַן אָבצואוואַרטען מיט זיין רעזיגניישאָן זעקס מאָנאַטען אין דער האָפנונג, אז ער וועט זיך פערבעסערען אין געזונד. אויף דעם מיטינג אין שיקאַגאָ איז די פראַגע ווידער פאָרגעקומען און עס איז ערוועהלט געוואָרען א קאָמיטע די זאַך גענוי צו בעטראַכטען. אויף דעם לעצטען מיטינג אין פילאַדעלפיא האָט די קאָמיטע בעריכטעט פאָלגענדעס:

„וואָס אנבעטרעפט די רעזיגניישאָן פון אונזער דזשענעראַל סעקרעטער־טרעזשורער, זיינען מיר געקומען צום שלום, אז עס איז פיזיש אונמעגליך פאַר ברודער זיגמאַן צו פערבלייבען אין זיין אַמט. די לאַנגע צייט וואָס ער איז געזעסען אין פריזאָן און די אנשטריינגונג פון דעם טרייעל האָבען שלעכט געווירקט אויף זיין געזונד. מיר רעקאָמענדירען אַלזאָ, אז די רעזיגניישאָן זאָל ווערען אָנגענומען.

מיט ברודער גרוס,

מ. אמדור

אב. באַראָף

דזשיי. האַלפּערין".

ביי זיך האָבען א קלאָהר בילד פון אַלעס, וואָס איז פאָרגעקומען אינ׳ם געריכטס־זאַל, זייט דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעפאַנגען. אמת, זיי דאַרפען געדיינקען, אז זיי האָבען צו אורטהיילען פינף מענשליכע לעבענס, פאַמיליען־פאַטערס; אָבער זיי מוזען אויך האָבען אין זינן, אז זיי פערטרעטען „דהי פּיפּעל אָף דהי סטייט". אויף וועמענס לעבענס עס דאַרף אויך אויפגעפאַסט ווערען...

ער רעדט לאַנגזאַם, דער דזשאַרדזש. ער ציהט די ווערטער, האַלט זיך אָב ביי יעדען זאַטץ; און אַלעמענס בליקען וואַנדערען פון איהם צו דער דזשורי און פון זיי, צו אונזערע אַנגעקלאַגטע, אונזערע מארטירער.

עס ווילט זיך אריינגראָבען אין די הערצער פון די דזשורי־לייט און פּרובירען ארויספישען פון דאָרט א געפיהל. האָבען זיי דעם חוש פון גערעכטיגקייט, פון געוועהנליכער גערעכטיגקייט, דאַן קענען זיי ניט פעראורטהיילען אונזערע מענשען. זיי זיינען דאָך אַזוי אונשולדיג! דאָ איז דאָך ניט מעהר ווי א קונצינ־אויסגעוועבטער בלבול!

און דער דזשאַרדזש בעטאָנט די אַנקלאַגע. ער חזר׳ט אויך איבער די פערטהיידיגונג. אַלע פיהלען, אַז די „בעווייזע" פון דער אַנקלאַגע ברייננט דער דזשאַרדזש ארוים קלעהרער ווי די שלאַגענדע ארגומענטען פון אונזערע אַדוואָקאַטען און די אונבעשטרייטבאַרע אמת׳ען פון אונזערע עדות, — די עדות פון דער פערטהיידיגונג. עס מערקט זיך אין געריכט־זאַל א מורא׳דיגע דערשלאָגענהייט. מיט שרעק קוקען זיך איבער פריינד מיט פריינד. עס פיהלט זיך א נערוועזיטעט צווישען אונזערע אַדוואָקאַטען. און זיי, אונזערע מארטירער — ווער קען אויף זיי קוקען? עפּעס פיהלט זיך א פחד... עפּעס דאַכט זיך, אַז מען האָט ווענינ געטהאָן, אום דער אמת זאָל ארויסקומען קלאָהר און איבערצייגענד, און פעסט. און קרעפטיג.

דער פּראָצעס איז צו ענדע. די דזשורי נעהמט זיך בעראַטהען.

און אַזוי געהען זיי, איינער נאָכ׳ן צווייטען; שטיל, מען הערט קוים די טריט. און עס ווילט זיך צו זיי אויסשרייען: זאָגט, וואָס וועט איהר טהאָן? זאָגט!...

אונזערע מארטירער ווערען אוועקגעפיהרט אינ׳ם שעריף׳ס צימער.

און אויך זיי געהען איינער נאָכ׳ן צווייטען; שטיל, מען הערט קוים די טריט. און עס ווילט זיך זיי אומאַרמען און זיי אוועקגעבען דאָס הארץ — נאָט, חברים, נעהמט אונז מיט זיך... וואָס קענען מיר טהאָן אייך לייכטער צו מאַכען?... זינמאַן... און איהר אַלע דאָרט...

מען הייסט אונז פערלאָזען דעם געריכטס־זאַל. שפּעטער וועט מען צוריק־עפענען. שפּעטער... ווען דער גורל פון אונזערע ברידער; פון דער גרויסער קלאָוקמאַכער יוניאָן; פון דער גאַנצער ארבייטער בעוועגונג; וועט שוין זיין בעשטימט. שפּעטער... עס ווערט קאַלט...

* * *

עס איז שוין נאַכט. ארום די קאָרידאָרען פון דער געריכטס־געביידע קלייבט זיך אַן עולם. און אַלע זיינען אייגענע. אַלע זיינען פיהרער און טהוער אין דער ארבייטער בעוועגונג. מען שטופּט זיך אריינצוקומען אין דעם געריכטס־זאַל; כאָטש אין די קאָרידאָרען פון דער געביידע; פּאָליציי לאָזט אָבער ניט. שפּאַצירט מען ארום דער געביידע. דורך די פערטושטע פענסטער פונ׳ם שעריף׳ס צימער זעהט מען ווי עס בעוועגען זיך שאָטענס. דאָס זיינען די געשטאַלטען פון אונזערע אַנגעקלאַגטע ברידער. געוויס ווילען זיי מיט׳ן ארומשפּריזען פערטרייבען פון זיך יאוש׳דיגע געדאַנקען...

איך דערמאָהן זיך אַן דעם פיבערהאַפטען שפּריזען פון דעם יונגען מאַן מיט די אויסגעשטאַרצטע אויגען, מיט דעם שאָטען פון טויט אויף זיין אויסזעהן, וואָס איך האָב בעגעגענט אינ׳ם טומס־פּריזאָן בעזוכענדיג אונזערע „פערברעכער"... און שוואַרצע שרעקליכע בילדער נעהמען פאַר מיר זיך ארויסשלייכען פון דער פינסטערניש פון דער נאַכט... א טויטען־הויז... עלעקטריק טשער... אונזערע טרייע, איבערגעגעבענע... ניין, איך וויל ניט זיין אַליין מיט מיינע געדאַנקען... איך דריה זיך אריין צווישען די פיעלע פריינד, וואָס זיינען דאָ געקומען אַזוי ווי איך און טראָגען זיך ארום מיט דיזעלבע געדאַנקען ווי איך... עפּעס איז פרעהליכער צוזאַמען... ווער עס זאָגט א וויטץ אויפ׳ן חשבון פון דיסטריקט אַטוירני; און ווער עס וואַרפט א קללה אויף דער פולקעס־געזינדעל; ס׳איז פרעהליכער... די מעהרסטע אָבער שווייגען. מען רעדט מיט די איינענע נשמות...

ביי דער געביידע בעווייזט זיך מאיר לאָנדאָן. ער איז אָפּטימיסטיש:

פיבערדיג. מיט צונויפגעקרעמפטע פויסטען קעמפט ער מיט דאס ביסעל לופט וואס איז ארום איהם... עס איז איהם ענג... עס ווילט זיך איהם נ י ט ז י י ן מעהר. מערלירען די חושים. א ו י ס, ז י ך א ל י י ן פערגעסען...

זינגמאן ערקלעהרט מיר, אז דיעזער אומגליקליכער איז מיט א פאאר שטונדען צוריק געפונען געווארען אלס א שולדיגער אין ערמארדען א פרוי. ס׳וועט איהם באלד אוועקפיהרען אין טויטען־הויז, וואו ער וועט ווארטען אויף דעם טאג, ווען ער וועט אויסהויכען זיין לעצטען אטעהם־צוג אויפ׳ן „עלעקטריק־טשער“... א מאדנע שטימונג האט מיך ארומגענומען. אויך א ו נ ז ע ר ע זיינען אין מארד בעשולדיגט. וועלען זיי, אונזערע אידעאליסטען, אויך אזוי?..

כולקעס וויל דאס. דער שטאאט געהט זיך פריהער איבערצייגען...

* * *

און אט איז שוין דער לעצטער טאג פונ׳ם פראצעס. די געדאנקען פון אלע ארבייטער זיינען געווענדעט אויף דער „קרימינעל־קאורט“־געביידע. וואו אין איינעם פון די געריכטס־זאלען דארף געזאגט ווערען דאס לעצטע ווארט. די אנקלאגע איז שוין געענדיגט. איהרע „בעוויזע“ זיינען אזעלכע אומגעלומפערטע, נאריש, ליגנערישע; זיי זיינען אבער צוזאמענגעשטעלט אזוי קונציג, סיסטעמאטיש. די עדות פון דער אנקלאגע זיינען אויסוואורפען, לומפען — דער אבפאל פון דער געזעלשאפט, דער פסולת פון צווישען די קלאוקמאכער; זיי מאכען אבער א רחמנות־פנים. און זייער רעזשיסאר, דער דיסטריקט אטורני, האט מיט זיי גוט איינגעשטודירט זייערע ראלען. ווער וויסט, וואס די דזשורי, די פערטרעטער פון „דהי פיפעל אף דהי סטייט“, טראכט וועגען זיי? אפשר טראכט גאר די דזשורי, אז די „לעווינס“ און די „פאלארס“ זיינען רעטער פון דער געזעלשאפט; און עס איז זייער הייליגער גלויבען, אז זינגמאן און זיינע חברים מוזען אויסגעראטעט ווערען? אפשר מיינט די דזשורי, אז לעווין און פאלאר און די אלע תלמידים פון סולקעס׳ חדר זיינען פשוט׳ע, ערהליכע קלאוקמאכער און דערצעהלען דאס. וואס זיי האבען געזעהן... אפשר?

„סענטער סטריט“... „קרימינעל קאורט בילדינג“... — אלעמענס הערצער ציהען אהין.

דארט זיצען זיי, די פארשטעהער פון דער גרעסטער אידישער ארבייטער ארגאניזאציאן. דארט משפט מען זיי. און ניט זינגמאן אלס זינגמאן; און מעטץ אלס מעטץ; און וואולף אלס וואולף; — אמת, זיי זיינען אונז ליעב. זיי האבען אלע זייערע יאהרען אוועקגעגעבען דעם קאמפף פאר א שענערען מענשליכען לעבען. — מען משפט אבער ניט זיי, אלס פערזאנען, אלס פריוואט־מענשען, וואס זאלען א שטייגער צוליעב פערזענליכען נוטצען האבען ערמארדעט א מענשען. די גאנצע אידישע טרייד־יוניאן בעוועגונג, מיט איהרע גרויסע קעמפפע און גרויסען מארטירערטהום, ווערט דארט עקזאמינירט: וואס זיינען איהרע מעטהאדען? ווי פיהרט זי איהרע קעמפפע? וועלכע שפראך בענוצט זי ריידענדיג צו סטרייקער? אונטער־וועלט־שפראך — די שפראך פון אייזען און בלוט; אדער א שפראך פון אויפקלעהרונג, איבערצייגונג, — די שפראך פון אחרות און ברודערשאפט?

אט איז שוין דער בין השמשות פונ׳ם לעצטען טאג פון פראצעס. די נשמה ווערט אונרוהיג. וועלען זיי וואגען צוצונעהמען פון אונז אונזערע חברים? וועלען זיי ארויסטראגען א טויט־אורטהייל אויף דער אידישער ארבייטער־בעוועגונג? מען האט איהר אוועקגעשטעלט ביים ראנד. אט די בעוועגונג פאר מעהר בעוואוסטזיין צווישען די גרויסע מאסען אימיגראנטען־ארבייטער. וועט זי דא היינט אריינגעשליידערט ווערען אין א פינסטערען תהום? „עס האלט ניט שלעכט“. זאגט איהר, אט זיינען שוין צוויי בעפרייט געווארען. מעטץ און וואולף זיינען אנערקענט געווארען, אז עס איז געמאכט געווארען וועגען זיי א „טעות“... נו יא, עס קוקט אבער אויס ווי א טריק, א פאלשער אנשטעל, — זאגט ניט, אז די אנקלאגע איז אונגערעכט און איז באזירט אויף ליגענס: אט אנערקענען מיר א „טעות“... יא, מעטץ און וואולף זיינען פריי! מיר פרעהען זיך. אבער זיי, די אנדערע... און ווידער הילען איין פינסטערע מחשבות אלע פריינד פון דער ארבייטער בעוועגונג. טאמער... אפשר...

* * *

שטיל איז אין געריכטס־זאל. דער סופרים־קאורט דזשאדזש טאמפקינס מאכט א סך הכל פונ׳ם גאנצען פראצעס. ער גיט די לעצטע אינסטרוקציעס צו דער דזשורי. זיי דארפען וויסען מאנכע געזעצליכע פארמולען. זיי מוזען

נען לוסטיג און שטיפעריש ווי קינדער. מען דריקט זיך די הענד. מען נעהמט זיך ברידער־ליך ארום.

געזיגט! געזיגט!

מיר געהען צו דער איסט־סייד, צום ארבייטער־קווארטאל, צום „פארווערטס"־בילדינג!

עס איז יום־טוב!

— עקסטרא, „ארביימער־פיהרער בעפרייט", עקסטרא!

די ציימונגען זאגען שוין אן דעם עולם די שמחה.

און עס איז גוט אויפ'ן הארצען, אזוי גוט... א טויט־קלאפ אונזערע שונאים... אויפלעבונג אין אונזער בעוועגונג — אין דער בעוועגונג פאר מעהר ברויט און מעהר פרייהייט.

* * *

און זאל מען דאס געדיינקען:

דאס האט פאסירט פרייטאג, 8טען אקטאבער, 1915, האלב צעהן ביינאכט.

# פון מאנאט צו מאנאט

פון מ. ת. דעניש.

## דער מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד אין פילאדעלפיא.

דער פינפטער פיערטעל־יעהרליכער מיטינג פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט שטאטגעפונען אין וואלטאן האטעל, פילאדעלפיא, פון דעם 18טען ביז 21טען אקטאבער. די לעצטע עטליכע מאנאטען זיינען געווען אויסערגעוועהנליך ראשיגע אין דעם לעבען פון אונזער אינטערנעשאנעל, — דער העפטיגער קאמפף אין קלאוק־טרייד אין ניו יארק. דער ערפאלגרייכער ארגאניזאציאנס־קעמפיין אין שיקאגא און דער אקארשט־געשלאסענער היסטארישער טרייעל האבען פערנומען די גאנצע צייט און ענערגיע פון אונזערע פיהרער. דער פיערטעל־יעהרליכער מיטינג האט געמאכט א סך הכל פון די אלע פאסירונגען פון פערגאנגענעם זומער און האט געלייגט פלענער פאר נייע ארבייט פאר דעם קומענדען ווינטער.

אייניגע ארגאניזאציאנס־פלענער זיינען שוין פארטיג און ערווארטען נור די צושטימונג פון באארד. פיעלע פלענער און פארשלעגע זיינען אנגעקומען צום מיטינג דירעקט. א שטעלונג וועט גענומען ווערען אין בעצוג צו די טשילדרען דרעסס מייקערס, די ראפער מייקערס, די עמ־בראידערי ארבייטער אין ניו יארק, די קלאוק־מאכער אין סינסינעטי און קליוולענד, די ליידיעס טיילארס אין ברוקלין און ניו יארק און פיעלע אנדערע פונקטען.

## פילאדעלפיא פייערט אונזער זיעג.

די פאליציי פון פילאדעלפיא, וואס איז פון אימער בעקאנט פאר איהר געמיינע בעהאנד־לונג פון אידישע ארבייטער, סיי אין סטרייקס און סיי אין געוועהנליכע צייטען, האט מיט א פאאר וואכען צוריק אבגעטהאן די פילאדעלפיער קלאוקמאכער אן עקעלהאפטען שפיצעל. זונטאג, דעם 17טען אקטאבער, איז צוזאמענגעקומען א מאססע פון צוויי טויזענד קלאוקמאכער צום ארמש סטריט טהעאטער צו א פערזאמלונג וואס איז ארגאנזירט געווארען צו פייערן די בע־פרייאונג פון אונזערע זיעבען ברידער. אונטער דעם אויסרייד, דאס עס איז געגען דעם געזעץ אבצוהאלטען זונטאג אירגענד וואסערע פער־זאמלונג מיט איינטריט געלד, האבען די בלויע רעק די מאססען צוטריבען אויף א ברוטאלען אופן. קיינע פראטעסטען און טענות האבען ניט געהאלפען.

די פילאדעלפיער ארבייטער זיינען אבער געווען ענטשלאסען צו פייערן דיעזע וויכטיגע ערייגנים אין דער געשיכטע פון דער אידישער ארבייטער־בעוועגונג. דיעזע גראבע פאליציייסקע שטיקעל ארבייט האט געשאפען א געוואלדיגע ענטריסטונג צווישען דעם גרויסען פילאדעלפיער אידישען ארבייטער־עולם, און די פילאדעלפיער קלאוקמאכער־יוניאן, בענוצענדיג זיך דערמיט וואס די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט יענע וואך געהאט דעם מיטינג אין פילאדעלפיא,

— מען דאַרף זיין אן אידיאָט צו פער״משפט׳ן אונזערע לייטע. זיי וועלען זיכער בעפרייט ווערען!

מיר שטימען איין.

אָבער דער צווייפעל. טאָמער, ווער ווייסט... וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג? האָבען זיי, די דזשורי לייט, ניט געזעהן, אַז דאָ איז געשפּונען געוואָרען פון אומריינע הענד א מיאוס׳ער בלבול? וואָס איז דאָ צו טראַכטען?

לאַנדאָן שטעהט ניט לאַנג. ער מוז אהיים פאָהרען. אונז דאַכט, אַז זיין אפּטימיזם איז פערשוואונדען. ער וויל ניט, ער קען ניט זיין דערביי... ער ווייסט דאָך דעם קאַמפּף אין 1910 — די שעהנקייט פונ׳ם קאַמפּף, און די אידעאַלע איבערגעבענהייט און פעראַנטוואָרטליכקייט פון זיינע פיהרער, — וויל ער ניט זיין דערביי ווען אויף דיזעלבע פיהרער ווערט ארויסגעטראָגען א... נאָט, וואָס געדויערט עס אַזוי לאַנג?!

* * *

עס איז ערלויבט אריינצוקומען אין געריכטס־זאַל. ניט אַלע קענען אָבער אריינקומען. דער עולם איז צו גרויס. מען גיט זיך אָבער אן עצה: ווער מיט אן אדוואָקאַט. ווער מיט א פערטרעטער פון א צייטונג. מיר זיינען אין זאַל. און באַלד... באַלד...

אָט איז הילקוויט. זעה, וואו איז זיין כאַראַקטעריסטישער שמייכעל? אויך ער פערצווייפעלט? ער, די נשמה פון דער פערטהיידיגונג. — עס האַלט שלעכט... און אָט איז דער בערימטער אדוואָקאַט אייבראַהעם ליוויי, אַזוי גלענצענד פערטהיידיגט אונזערע ברידער, אָבער ווי פערזאָרגט?... דאָרט, ניט ווייט פון די פרויען און לעבענס־בעגלייטערינס פון אונזערע מאַרטירער, זיצט ב. שלעזינגער און, ווי בלאַס?... און מעטץ און וואולף — א נערוועזער ציטער וועהט איבער זיי. זיי זיינען פריי, אָבער די חברים... זיי פריי, אָבער יענע... דאַכט זיך זיי שעהמען זיך... און וואו מען ווארפט א בליק, געפינט מען א פריינד, פון דער זעלבער פאַמיליע. — די פאַמיליע פון בעוועגונגס־מענשען. און אַלע מיט שרעק אין די אויגען... טאָמער... אפשר...

עס קומט אריין דער דיסטריקט אטורני, וואָס האָט געפיהרט דיזען פראָצעס. אויך ער איז בלאַס. שרעקט ער זיך אפשר פאַר די רעזולטאַטען, וואָס קענען ארויסקומען צוליעב זיין ווילדער פאַנטאַזיע וועגען אונזער בעוועגונג? נעוויסענביסע? ... אָה, ניין, עס איז ניט קיין בלאַסקייט פון שרעק, עס איז אָנגעצויגענקייט. אַזאַ פּנים פערמאָגט ער. מען זאָגט דאָך, אַז ער קען אפילו קיינמאָל ניט שמייכלען... און ווידער, ווער קען אריינדרינגען אין א מענשליכע נשמה?

עס טראַכט זיך וועגען די פרויען פון אונזערע בעשולדיגטע חברים. עס ווילט זיך א בליק טהאָן אויף זיי, אָבער אָה, זייערע אויגען... — א ים מיט ליידען, שרעק, פיין. און אינערליכע קאַלטקייט נעהמט ארום.

וואָס דויערט עס אַזוי לאַנג?

שאַ. דער דזשאַדזש קומט. די דזשורי־לייט געהען. זיי טראָגען מיט זיך זייערע אויבערקליידער. זיי זיינען פערטיג. וואָס פאַר א בשורה ברייננען זיי אונז? איז דאָס — טויט, פערניכטונג, אָדער אויפלעבונג — פ ר י י? וואָס האָבען זיי געטהאָן דאָרט, אין יענעם צימער? האָט ביי זיי געאַרבייט מענשליבער שכל, גראַדער לאָגיק, אָדער?...

און אָט ברייננט מען זיי, אונזערע. אָט איז זינמאַן, וועדינגער, סינגער, אשפּיז, סטודניקער — וועלען זיי באַלד זיין מיט אונז? יאָ, זיי וועלען זיין!

צו וואָס זיינען נויטיג צערעמאָניעס? זיי זיינען צוריק אונזערע? צוריק? —

דער דזשאַדזש בעפעהלט:

— הערען פון דער דזשורי. קוקט גלייך אויף די אָנגעקלאַגטע.

עס פאַנגט אָן שנעל צו קלאַפּען אין הארץ... וואָס וועט דאָ זיין?... וואָס קומט דאָ אין גאַנצען פאַר?...

— וואָס איז אייער אורטהייל, שולדיג אָדער ניט שולדיג?

— ניט שולדיג.

ניט שולדיג; זיי זיינען ניט שולדיג; פריי, אַלע פריי. מען נעהמט זיך ארום. עס קלינגען קושען. מען שלוכצט פאַר פרייד. מען דאַרף אָבער זיין שטיל. עס איז א געריכטס־זאַל. די דזשורי מוז ענטלאַסטן ווערען. עס איז נאָך ניט צו ענדע. דער דזשאַדזש האָט עפּעס צו זאָגען. אָבער, צאַהמט איין דעם ים געפיהלען... ניט מעגליך, ניט מעגליך...

* * *

מיר זיינען אַלע אויס׳ן גאַס. באַלד וועלען זיין מיט אונז אונזערע מאַרטירער. מיר זיי־

עטליכע וואכען האבען זיך דא גאר קיין נייע. שעפער ניט גענומען.

„דער סטרייק ביי דער קאלישער סקוירט קא. אין טרענטאן, איז געסעטעלט געווארען מיט דער בעדינגונג, דאס אזוי שנעל ווי זייער שאפ אין ניו יארק וועט זיך אויפעפענען, וועלען זיי דעם שאפ אין טרענטאן אויפגעבען. מיר האבען אויך געהאט א סטרייק ביי דער עקאנאמי קלאוק קא., אין וועסט האבאקען. די פירמע האט זיך ענטזאגט ארונטערצושיקען די סקעבס וואס האבען ביי זיי אמאל געארבייט אין א סטרייק. עס האט אונז גענומען איין שטונדע און מיר האבען אונזער פאדערונג געוואונען.

## די ספעשעל דעפענס קאלעקשאנס אין באסטאן.

אז באסטאן פערמעגט א שטארקע קלאוקמאכער יוניאן, האט גענוי געצייגט די געשיכטע פון די לעצטע עטליכע מאנאטען, ווען זיי איז געלונגען ארויסצוקריגען פון זייערע ארבייטסגעבער אן אגרימענט מיט פיעלע פערבעסערונגען אהן א קאמפף. לעצטען מאנאט האבען זיך די באסטאנער קלאוקמאכער ווידער אמאל אויסגעצייכענט אלס ארבייטער, וואס פערשטעהען זייערע פפליכטען צו זייער יוניאן, זייערע פיהרער און דעם שיקזאל פון זייער ארגאניזאציאן. דעם פערגאנגענעם מאנאט האבען זיי געמאכט קאלעקשאנס אין יעדען שאפ אין באסטאן פאר דעם ספעציעלען דעפענס־פאנד. ווען מען נעהמט אין אנבעטראכט דאס די צאהל קלאוקמאכער אין באסטאן איז ניט זעהר גרויס אין פערגלייך מיט אנדערע שטעדט, מוז מען צוגעבען דאס די סומע פון $762.68, וואס איז שוין אריינגעשיקט געווארען אין דזשענעראל אפיס, איז א גאנץ שעהנע. ברודער ראזענבערג שרייבט אונז, דאס עס וועלען אריינקומען נאך געלדער. א ליסט פון דיעזע בייטראגע געפינט זיך אויף די ענגלישע פיידזשעס.

## אמעריקאנער יוניאנס שטיצען אונזער דעפענס־פאנד.

די אידישע ארבייטער וואס בעלאנגען צו די פערשיעדענע לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל, וועלען ניט אזוי שנעל פערגעסען דעם ווארימען אפרופען זיך פון פיעלע אמעריקאנער יוניאנס און סענטראל קערפערשאפטען איבער דעם גאנצען לאנד אויף אונזער אפיעל בייצושטייערען צו אונזער פערטהיידיגונגס־פאנד. ליידער האט ריעזער אפיעל צו די פערשיעדענע לאקאלס פון די אינטערנעשאנאלס פון דער אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר ניט געקענט ארויסגעשיקט ווערען פריהער ווי ענדע לעצטען סעפטעמבער, צוליעב דעם וואס די שטעלונג פון דער קייס איז ניט געווען גענוג קלאר ביז עטליכע טעג פאר דעם טריעל. די מאיאריטעט פון די ארגאניזאציאנען האבען דעם אפיעל וואהרשיינליך ערהאלטען פאקטיש נאכדעם ווי אונזערע זיעבען פערהאפטעטע ברידער זיינען שוין בעפרייט געווארען. יעדענפאלס, די רעזולטאטען האבען אונז איבערצייגט דאס די ארבייטער איבער דעם גאנצען לאנד אהן אונטערשיעד פון בעשעפטיגונג אדער ראסע האבען פערשטאנען די בעדייטונג פון אונזער קאמפף געגען די ארבייטער־פערפאלגער און עס איז צו האפען דאס זיי וועלען אונז שטיצען אויך אין די פערשיעדענע אינדייטמענטס, וואס די קאפיטאליסטישע גרענד דזשורי פון לעצטען מאי האט ארויסגעגעבען געגען פיעלע אונזערע איבערגעבענע מיטגליעדער אויף דעם ערות זאגען פון עטליכע סקעב־אגענטען און ארויסוואורפע.

## ה. וויינבערג אין באסטאן און קענעדע.

אין פערלויף פון פערגאנגענעם מאנאט האט בר. ת. וויינבערג, בעזוכט אונזערע לאקאלס אין באסטאן און קענעדע. אין באסטאן האט ער גערעדט צו א פערזאמלונג פון דעם סקוירט מייקערס לאקאל, נומ. 24, וואס איז פערורופען געווארען צו זאמלען געלד פאר דעם פערטהיידיגונגס־פאנד. פון באסטאן איז ער געפאהרען נאך מאנטרעאל בייצוּוואוהנען א קאנפערענץ וואס די דארטיגע דזשאינט באארד האט פערורופען. זיין בעזוך האט געבראכט די געווינשטע רעזולטאטען און די מאנטרעאלער קלאוקמאכער זיינען איצט געזיכערט מיט הארמאניע אין זייערע רייהען און וועלען זיך נעהמען מיט פרישע קרעפטען פאר זייער אמת'ער ארבייט, צו פערטהיידיגען זייער יוניאן געגען דעם נייד און אונטערדריקונג פון זייערע ארבייטסגעבער.

ביי דער „קענעדיען קלאוק קא." אין טאראנטא, געהט איצט אן א סטרייק פון 60 לייטע וואס זיינען דארט בעשעפטיגט. דער סטרייק האט אויסגעבראכען צוליעב א נייעם פארמאן וואס די פירמא האט אנגעשטעלט, א געוועזענער

האט ארגאנזשירט א מאססען-פערזאמלונג אין דעם 3טען רעגימענט ארמארי האלל, איינער פון די גרעססטע האללען אין שטאדט, וואו עס זעצען זיך איים בעקוועם 8-9 טויזענד מענשען, פאר דאנערשטאג אבענד, דעם 21טען אקטאבער. די פערזאמלונג איז געוועזען טאקע א היסטארישע. דער גרויסער האלל איז געווען איבערגעפילט און די בעפרייטע פיהרער פון דער ניו יארקער יוניאן און פון דער אינטערנעשאנעל האבען געקראגען אן אוואציע און א בעגריסונג וואס פילאדעלפיא האט זעלטען ווען געזעהן. די הויפט-רעדנער ביי דיזער פערזאמלונג זיינען געווען מארדים זיגמאן, דער סעקרעטער פון דער אינטערנעשאנעל; ה' וויינבערג, ארגאנייזער פון דער אינטערנעשאנעל און ב. שלעזינגער, פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנעל. וויס-פרעזידענט מאקס אמדור איז געווען טשערמאן.

---

## פרעזידענט שלעזינגער'ס רייזע נאך סאן-פראנציסקא.

פרעזידענט שלעזינגער איז אבגעפאהרען ענדע אקטאבער נאך סאן-פראנציסקא אלס דעלעגאט פון דער אינטערנעשאנעל צו דער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר, וואס פאנגט זיך אן מאנטאג, דעם 8טען נאוועמבער.

אויף זיין רייזע וועט פרעזידענט שלעזינגער בעזוכען פיעלע פון אונזערע לאקאלס אין די שטעדט וואס ער וועט דורכפאהרען. אין די פאלגענדע שטעדט זיינען ארגאנזשירט געווארען מאסס-מיטינגען:

| | | | |
|---|---|---|---|
| פיטסבורג | - - | אקטאבער | 28טען |
| קליוולענד | - - | " | 29טען |
| טאלידא | - - | " | 30טען |
| שיקאגא | - - - | " | 31טען |
| סט.-לואיס | - - | נאוועמבער | 1טען |
| אמאהא, נעב. | - | " | 3טען |
| דענווער, קאל. | - | " | 5טען |

אויסער דיזע שטעדט וועט פרעזידענט שלעזינגער בעזוכען, דורך די צוויי וואכען וואס ער וועט זיין אין סאן-פראנציסקא, די שטעדט סיאטעל, וואש., לאס-אנדזשעלעס, קאל. און סטאקטאן, קאל., וואו ער וועט אדרעסירען מאססען-פערזאמלונגען.

---

## לאקאל 7, באסטאנער רעינקאוט-מאכער, לעבט אויף.

גלייך נאך דעם זיעג פון די ניו יארקער רעינקאוט-מאכער האבען די באסטאנער ארבייטער פון דיזען פאך אנגעפאנגען א בעוועגונג צוריק אויפצובויען זייער יוניאן און איינפיהרען מענשליכע בעדינגונגען אין זייערע שעפער. די בעוועגונג איז געווען א געלונגענע און נאך עטליכע קאנפערענצען מיט די מאנופעקטשורערס איז אונטערגעשריעבען געווארען אן אגרימענט מיט א רעכט ביסעל געווינסען און וויכטיגע הענדערונגען פון פרייזען. דאס האט געבראכט זעהר גוטע רעזולטאטען פאר לאקאל 77. דער לאקאל האט איצט אין זיינע רייהען פאקטיש יעדען ארבייטער פון דעם רעינקאוט פאך אין באסטאן. וויס-פרעזידענט רובינסקי האט פיעל מיטגעהאלפען די באסטאנער רעינקאוט-מאכער אין זייערע פערהאנדלונגען מיט די מאנופעקטשורערס.

---

רעדענדיג וועגען דער אויפוואכונג אין רעינקאוט-טרייד אומעדום, איז כדאי אויפמערקזאם צו מאכען אויף דעם איינגע'עקשנ'טען קאמפף וואס די שיקאגא'ער רעינקאוט-מאכער, לאק. 54, פיהרט איצט אן געגען איינע ארבייטס-געבער, איבערהויפט די פירמע ראזענוואלד און וויל. אין שיקאגא געפינען זיך א בעגרענעצטע צאהל רעגענמאנטעל מאכער און, נאטירליך, זיינען זיי גאנץ שוואך אין מיטלען. פונדעסטוועגען, ניט אכטענדיג אויף די שלעכטע צייטען דעם פערגאנגענעם יאהר, האבען זיי נאכאנאנד אנגעפיהרט אן אגיטאציאן צו יוניאניזירען יעדען איינציגען פון זייערע שעפער אין שיקאגא. לאמיר האפען דאס זיי וועלען דיזען שווערען קאמפף אויך געווינען.

---

## נייעס פון ניו דזשוירזי.

ברודער מאקס קאוועצקי, דער נייער מענעדזשער פון דעם ניו דזשוירזי אפיס, בעריכטעט פאלגענדעס:

„אונזער דיסטריקט אין האדסאן קאונטי פארמאגט 96 שעפער אין 16 בעזונדערע שטעדט און שטעדטלעך. פיעלע שעפער האבען די לעצטע צייט ארויסגעצויגען נאך ניו יארק און נאך א גרעסערע צאהל שעפער אין דיזען דיסטריקט ליידען פון מאנגעל אין ארבייט. צוםביישפיעל, ביי דער עקוויטעבל קלאוק קאמפאני לויפען נור 12 מאשינען פון 30 וואס זיי האבען אין שאפ; ביי ערלסאן און ביי גאלדבערג בראס. ארבייטען נור צו 4 אפערייטארס. פאר די לעצטע

## א בריעף פון סאן־פראנציסקא וועגן אונזער זיעג.

פון דער גרויסער מאסע טעלעגראמען און בריעף, וואס האבען בוכשטעבליך פערפלייצט דעם דזשענעראל אפפיס ווען די נייעס פון דער בעפרייאונג פון אונזערע חברים איז אנגעקומען, איז דיעזער בריעף פון דער ווייטער וועסט כאראקטעריסטיש. ער קומט פון סעקרעטער פון דעם נייעם לאקאל 8 אין סאן־פראנציסקא, קאל.

טהייערע ברידער:—

לאקאל 8 שיקט אייך א הערצליכע בעגריסונג מיט אונזער זיעג. מיר דא, ווייט אוועק אין דער "גאלדענער וועסט", האבען נים ארויסבעלאזט פון געדאנק דעם טריאל פון אונזערע ברידער וואס די שונאים פון דער יוניאן האבען אויסגעקליבען פאר מארטירער. אונזערע הערצער זיינען געווען פשוט איבערפילט מיט פרייד, ווען מיר האבען געלעזען וועגען דעם זיעג. מיר האבען דא קיינמאל נים געצווייפעלט אין דעם ענדליכען סוף פון דיעזען מבול. ערשט געשטערן ביינאכט קריג איך די „קאלל" פון ניו יארק און לעז דארט, אז טעסט און וואולף זייגען בעפריים געווארען. גלייך דאן האבען מיר פארויסגעזאגט, דאס די איבריגע וועלען דעם נעכסטען טאג בעפריים ווערען. די „קאלל" האט אונז מקבל די בשורה אנגעזאגט.

ביי יעדען מיטינג פלעגען מיר די קיים דיסקוטירען, וואו נור מיר פלעגען זיך צוזאמענטרעפען. וואס וואלטען מיר געטהאן אהן דעם „קאלל"? דא, אין סאן־פראנציסקא, האט דאך קיין איין צייטונג וועגען דיעזער קיים א ווארט נים דערמאהנט!

ביי אונזער לעצטען מיטינג האבען מיר ארויבגענומען א צאהל יונגע פרויען אלס מעמבערס, אלע גוטע יוניאן־מיידלעך פון ניו יארק. זיי ארבייטען אין א ווייסט שאפ. מיר קלייבען זיך איצט צו מאכען וויכטיגע ארבייט. מיר זיינען שוין ארויין אין דער היגער סענטראל לייבאר קאונסיל.

ווען בר. שלעזינגער וועט זיין אין סאן־פראנציסקא צו דער קאנווענשאן, געהען מיר ארגאניזירען אן ערפאלגרייכען מאסס־מיטינג.

מיט ברידערליכען גרוס,

ה. גרינבערג, קאר. סעקר. לאק. 8.

---

## ארגאנייזער סאלאוויאוו אין סיראקיוז.

אונזער סיראקיוזער לאקאל, ליידיעס טיילארס 45 האט געבעטען דעם דזשענעראל אפפיס מען זאל זיי שיקען א פארשטעהער פון דער אינטערנעשאנאל צו שליכטען א טראבעל מיט א גרויסער סטאר, נ. פיטערס ענד קא., און אונטערשרייבען אן אגרימענט מיט דיעזער פירמא. די שניידער פון דיעזען שאפ האבען ארויסגעשטעלט נייע פאדערונגען פאר א העכערונג אין וויידזשעס, קלענערע שטונדען א. ז. וו. די פירמע האט אבער דיעזע פאדערונגען נים געוואלט נאכגעבען.

בר. א. סאלאוויאוו איז געשיקט געווארען נאך סיראקיוז און איהם איז געלונגען צו בענייען דעם אגרימענט און צו קריגען פאר די ארבייטער וואס זיי האבען געפאדערט פון דער פירמא. ער בעריכטעט דאס אין סיראקיוז זיינען דא פיעלע ליידיעס גארמענט ארבייטער וואס זיינען נאך נים פערבונדען מיט אונזער ארגאניזאציאן, וועלכע וואלטען געקענט גרינג אריינגעצויגען ווערען אין לאקאל, ווען מען וואלט דארט אנגעפיהרט אביסעל ארגאניזאציאנס־ארבייט.

---

## דער סטרייק פון די ליידיעס טיילארס.

דער סטרייק פון די ניו־יארקער ליידיס טיילארס איז געענדיגט. גלייך אין אנפאנג פון סטרייק האט די יוניאן אונטערגעשריעבען ארום א הונדערט אגרימענטס מיט שעפער, וואס האבען נים בעלאנגט צו דער אסאסיאיישאן, אריינגערעכענט אין דעם עטליכע פון די גרעסטע שעפער אין טרייד. אין די מייסטע אריסטאקראטישע שעפער אפ־טאון איז אבער דער סטרייק געווען נים ערפאלגרייך. אנפאנגס האבען דיעזע שעפער פערלאנגט, דאס מען זאל מיט די סטרייק פראגען געהן צו ארביטריישאן. זיי האבען אבער פארגעשלאגען דאס מען זאל ארביטרירען זאגאר אזעלכע פראגען, וואס זיינען שוין פון די ארבייטער געוואונען געווארען אין די סטרייקס פון פאר פיער און צוויי יאהר צוריק. די סטרייקערס האבען דערפון נים געוואלט הערען און ווען דער סטרייק האט זיך פערצויגען, איז די באסעס געלונגען, מיט דער הילף פון „גארדס" און דער פאליציי, אוועקצוטרייבען פון די סטרייקענדע ליידיס טיילארס זייערע האפנונגען צו פערבעסערען זייער לאגע. דער פערלוסט דארף די ארבייטער געבען מוטה צו נעהמען זיך צו טיכטיגע ארגאניזאציאנס־ארבייט מיט פרישע קרעפטען.

---

## פינף נייע קארסעט לאקאלס אין ניו ענגלאנד.

דער ארגאניזאציאנס־קעמפיין, וואס האט זיך אנגעפאנגען לעצטען אויגוסט אין דער גרויסער קארסעט אינדוסטרי פון ניו ענגלאנד, מאכט גוטען פארשריט. אויסער דעם ברידזשפארטער לאקאל, האט דער דזשענעראל אפפיס ארויסגעגעבען אין פערלויף פון פערגאנגענעם מאנאט 4

מארמאן פון דער בעוואוסטער יוניאן־פיינדליכער פירמע, „די איטאן קא.". דיעזער חברה־מאן, אזוי שנעל ווי ער איז ארויף אין שאפ, האט ער אנגעפאנגען פלאנעווען אומצובייטען די ארבייטסיסטעם פון שטיק אויף וואך ארבייט. די ארבייטער האבען גלייך פראטעסטירט געגען דעם פלאן, אבער מען האט זיי ניט געהערט, און זיי זיינען ארויס אין סטרייק. די מאראנטא'ער קלאוקמאכער העלפען די סטרייקער און זיי פיהרען אן א לעבעדיגען קאמף. בר. ווינבערג האט ביינעוואוינט א מיטינג פון די סטרייקערס און האט זיי צוגעגעבען מוטה און האפנונג אויף א שנעלען זיעג.

---

## שיקאגא נאך דעם אגרימענט.

דער פאל סיזאן היי־יאהר אין שיקאגא איז ניט קיין גוטער; ארבייט אין די שעפער איז דא וועניג, און די ארבייט וואס קומט אריין איז מייסטענס אויף פלאש. פיהלט זיך דער עולם, נאטירליך, אביסעל געדריקט צוליעב דעם.

די ארגאניזאציאנס־ארבייט אין שיקאגא איז נאך ווייט ניט געענדיגט. עס געדויערט א לאנגע צייט און עס נעהמט א מאסע ענערגיע אוועקצושטעלען א גרויסע נייע ארגאניזאציאן אויף א פעסטען באדען, און די שיקאגא ארגאנייזערס פון דער יוניאן, מיט ברודער א. ביזנא אן דער שפיצע, ארבייטען איצט מיט אלע כחות אויף דיעזען באדען. דער אגרימענט האט, אהן צווייפעל, געבראכט וויכטיגע געווינסטען פאר די שיקאגא'ר קלאוקמאכער; א 50 שטונדיגע וואך, העכערונג אין ווידזשעס און אויסער דעם איז ענדליך געפונען געווארען א וועג ווי אזוי צו רעגולירען די פראגע פון גלייכע צוטהיילונג פון ארבייט אין סלעק־טיים: עס איז אבגעשאפט געווארען דאס סיסטעם, אז א טהייל ארבייטער אין א פעקטארי זאל ארבייטען אווערטיים און די אנדער טהייל זאל ניט האבען פון וואס צו מאכען א לעבען. אין שיקאגא, געפינען זיך ארום 6000 קלאוקמאכער און דער נייער אגרימענט ריהרט נור אן די 4000 ארבייטער, וואס ארבייטען אין די אסאסיאיישאן שעפער. די איבעריגע ארבייטען נאך אלץ אונטער די אלטע בעדינגונגען און די שיקאגא'ר קלאוקמאכער, צוזאמען מיט דער אינטערנעשאנאל, האבען פאר זיך איצט די אויפגאבע צו זעהן דאס די איבריגע מאנופעקטשורערס זאלען איינפיהרען אין זייערע שעפער דיזעלבע פראבעסערונגען וואס די אסאסיאיישאן שעפער האבען איינגעפיהרט.

דיעזע פראבלעמע איז איבערגעלאזען געווארען דערווייל ביז דעם נעכסטען ספרינג־סיזאן, וואס איז אייגענטליך דער הויפט סיזאן אין שיקאגא. די קומענדע עטליכע מאנאטען וועלען אבגעגעבען ווערען צו פערשטארקען זייערע לאקאלס און שאפען קרעפטע פאר ווייטערע שריטע. איצט האבען זיי זיך גענומען הויפטזעכליך צו ארגאניזירען די סקוירטמאכער, ווייל ביז איצט זיינען נור א קליינע צאהל פון זיי אריינגעצויגען געווארען אין דער ארגאניזאציאן.

רעדענדיג וועגען שיקאגא, איז כדי צו בעמערקען, דאס דער דארטיגער ליידיס טיילארס לאקאל 71, האט לעצטענס ווידער אויפגעלעבט און האט זיך גענומען צו ארגאניזאציאנס־ארבייט. עס זיינען ערוועהלט געווארען נייע בעאמטע און זיי ארבייטען איצט מיט גוטע אויסזיכטען אויף דער צוקונפט.

---

## די נייע בעוועגונג צווישען די עמבראידערי ארבייטער.

דורך דעם פערגאנגענעם יאהר האבען די עמבראידערי ארבייטער פיעל געלערענט. זיי האבען אנגעפיהרט ארגאניזאציאנס־ארבייט אין טרייד אויף וויפיעל זייערע אייגענע קרעפטען האבען זיי ערלויבט און האבען אפט געקראגען שטיצע פון דעם דזשענעראל אפיס. פאר דער לעצטער צייט האבען זיי זיך בעשעפטיגט מיט איינינגע פון די גרעסטע שעפער אין טרייד: ביי דער פירמע ווינסטיין און וואולף, דער פרעזידענט פון דער מאנופעקטשורערס אסאסיאיישאן, ביי פריעדמאן און ראבינאוויטש אין די בראנקס א. ז. וו. דער נייער עלעמענט אין דעם ניו יארקער לאקאל נומ. 6 איז ענטשלאסען צו טהאן טיכטיגע ארבייט און איצט האבען זיי צוזאמענגעשטעלט א געמיינשאפטליכע באארד מיט דעם דייטשען לאקאל, נומ. 5, פון ניו דזשוירזי און זיי קלייבען זיך אנפאנגען א בעוועגונג פאר א דזשענעראל סטרייק אין דער נאהענטער צוקונפט. זיי האבען זייער פערלאנג פארגעבראכט פאר דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און זיי ווארטען איצט אויף דער גוטהייסונג פון דער אינטערנעשאנאל.

# דער משפט

(דערצעהלט פון א אידען וואס איז געווארען א יוניאן־מאן).

פון אברהם רייזען.

...איהר ווילט טאקע וויסען די מעשה פון אנהויב ביז'ן סוף. גאנץ פיין. איך וועל אייך דערצעהלען. מיך ארט אפילו נישט, אז איהר וועט עס בעשרייבען, אדרבא, זאל מען טאקע וויסען פאר וואס מען האט מיך גע'משפט.

אז איך בין נאך געווען אין דער היים, אין מיין שטעדטעל, האב איך פאר א משפט מורא געהאט, ווי פאר פייער. „ומשפטים בל ידעום — הללויה!" פלעג איך ביים דאוענען זאגען מיט דער גרעסטער כונה! און גאט צו דאנקען, איך האב אויף זיך קיינמאל קיין משפט ניט געהאט. ניין! איך וויל קיין ליגען נישט זאגען, איינמאל בשעת עס איז, ניט היינט געדאכט, ניט דא געדאכט, געווען די חלירע און מען האט גענומען אכטונג געבען אויף „טשיסטאטא" און דער „אוריאדניק" האט געמאכט א פראטאקאל פאר א ביסעל מיסט, וואס איך האב אויסגעשאטען ביי דער טהיר, האב איך געזאלט האבען א משפט. אבער איך האב זיך געלאזט קאסטען א האלב קערביל און דער משפט איז „צוריבען" געווארען...

האב איך דאך געמיינט, אז אין אמעריקא בין איך אוראי פריי פון משפטים! דאס לאנד איז א פרייע, קיין בלבולים מאכט מען דא נישט, אויף ריינקייט גיט מען אין אונזערע סטריטען נישט אזוי שטארק אכטונג, קיין „גאלאגנען" צאהלען דארף מען דא נישט, קיין פאספארט אויך נישט — א פרייע וועלט, טהו וואס דו ווילסט! ווייזט זיך אבער ארויס, אז דוקא דא, אין דעם פרייען לאנד, האב איך געהאט א משפט, וואס מען זאל בעהיט ווערען. ממון און דמים האט עס מיך געקאסט!

און מיינט איהר ווער האט מיך גע'משפט? גוים, יענקים? אמעריקאנער?

חלילה וחס!

אידען האבען מיך גע'משפט, מיינע אייגענע ברידער־ארבייטער!

אט הערט א מעשה!

אין דער היים, אין מיין שטעדטיל, בין איך געווען אן ארימער שניידער, געגעהט, וואס עס האט זיך געמאכט: א ווייבערשע קליידעל — איז רעכט א ווייבערשע קליידעל, א פויער'שער קאפטאן — איז אויך גוט! קיין ספעציאליסט בין איך ניט געווען. אבער דא אין אמעריקא געהט עס נישט, דא האט יעדער זיין פאך. אזוי ווי א „האנד" האב איך א פלינקע, איז פאר מיר בעסער געווען צו ארבייטען ביי קלאוקס. און אזוי בין איך, זינט איך בין אהער אנגעקומען, א קלאוקמייקער...

מילא, איידער עס איז געווען דער גרויסער סטרייק, איז דאך ניט שייך צו זאגען — איז געווען אמת'ע פריהייט, טאקע וואס פרייהייט הייסט. ווילסט ארבייטען פון שטיק, ארבייט פון שטיק. ווילסט ארבייטען פון וואך, ארבייט פון וואך. ווילסט ארבייטען ביז דריי א זייגער פארטאג — ארבייט געזונטערהייט! קיינער האט דיר נישט געזאגט קיין דעה. אז מען שמועסט, — מען איז געווען א פרייער מענש! און עס זיינען געווען צייטען ווען איך האב פיין פערדיענט, קרוב צו פערציג דאלאר א וואך. איהר זיינט א מבין?!... אמת, געארבייט האב איך שווער, עס זיינען געווען נעכט, וואס איך האב געשלאפען בלויז צוויי־דריי שעה, און דוקא אין שאפ גופא: צונעשפארט זיך, ווי מען זאגט, אין די „זאכען" אויף א פאר ווייבערשע מאנטלען און געכאפט א דרימעל... אין א פאאר שעה ארום אויפגעשטאנען און ווידער זיך גענומען צו דער ארבייט. נו, וואס איז? וועמען געהט עס אן! אז כח, גאט צו דאנקען, איז דא, און אויף אויסשלאפען זיך איז דא א שבת אויף דער וועלט (שבת ארבייט איך ניט עד היום!) קיין תהלים זאגען אין בית מדרש דארף מען דא נישט... עס הייסט, מען וואלט אפשר יא געדארפט, נור מען געהט נישט!...

וואלט דאך אלץ גוט געווען, האט זיך אבער „חברה" ארומגעזעהן, אז עפעס איז די זאך נישט

נייע טשארטערס אין דעם זעלבען געגענד: לאקאל 34, קארסעט קאטערס פון ברידזשפארט; לאקאל 39, קארסעט קאטערס פון ניו הייווען; לאקאל 40, קארסעט מייקערס פון ניו הייווען און *לאקאל 5, קארסעט מאכער פון ספרינגפיעלד*, מאסס. וויס־פרעזידענט פיערס, וואס איז בעאויפטראגט געווארען פון דזשענעראל אפיס אכטונג צו געבען אויף דיעזע לאקאלס, האט אויפגעעפענט אן אפיס פאר די ברידזשפארטער קארסעטען ארבייטער אין 414 ווארנער בילדינג, ברידזשפארט. זיי האלטען אב רעגעלע מיטינגען יעדע וואך און יעדער לאקאל האט ערוועהלט א פולען סטעף אפיסערס און קאמיטעס.

דער לאקאל אין ספרינגפיעלד, מאסס., האט פיעל צו פערדאנקען דער טהעטיגקייט פון מיסס ראוז שניידערמאן, וועמען דער דזשענעראל אפיס האט געשיקט נאך ספרינגפיעלד לעצטען מאנאט אויף דער איינלאדונג פון א מיטגליעד פון דער „מאססאטשוזעטס ווידזש באארד און די קארסעט אינדוסטרי", מיסס מערי דאנאוואן. גלייך ווי זי איז אהין געקומען האט זי מיטאג־צייט אבגעהאלטען אן אפען־עיר מיטינג לעבען דער בעי סטייט קארסעט פעקטארי און האט די מיידלעך איינגעלאדען צו קומען צו א גרויסען מיטינג דעמזעלבען אבענד אין דעם האלל פון דער סענטראל לייבאר יוניאן. דער מיטינג איז געווען א זעלטענער ערפאלג. אויף מארגען אין דער פריה האט די פירמע געשיקט 5 מיידלעך, וואס זיינען ביי דעם מיטינג ערוועהלט געווארען אלס א שאפ־קאמיטע. אין שאפ האט גלייך אויסגעבראכען א טומעל און ארום דינער־טיים איז שוין דער גאנצער שאפ, 450 לייטע, ארויס אין סטרייק. שפעטער זיינען צו זיי צוגעשטאנען 50 מיידלעך פון דער קוואבאג קארסעט פעקטארי, ניט ווייט פון זייער שאפ.

גלייך נאך דעם האבען זיי אלע אוועקגעמארטשט אין האלל פון דער סענטראל לייבאר יוניאן. דארט האבען זיי אבגעהאלטען א בעגייסטערטען מיטינג ביי וועלכען עס האבען גערעדט איינינע לאקאלע פראמינענטע ארבייטער־פיהרער. די דרייווערס יוניאן פון ספרינגפיעלד האט גלייך ארויסגעגעבען אן ארדער דאס זייערע מעמבערס זאלען ניט פיהרען קיין וואארע פאר די שעפער וואס זיינען אין סטרייק. די גאנצע שטאדט איז בעגייסטערט פאר די סטרייקענדע מיידלעך וואס האבען אזוי בראוו זיך אנגענומען פאר זייערע חבר'טעס און ווילען פער־

בעסערען זייער לאגע. הויפטזעכליך האבען זיי פראטעסטירט געגען דעם וואס זיי זיינען ביז איצט געצוואונגען געווען צו צאהלען פאר די קאסטען, וואס זיי האבען בענוצט ביי דער ארבייט, וואס פלעגט אויסעסען א היבשען טהייל פון זייערע פערדיענסטען. אויסער דעם האבען זיי געהאט פערשיעדענע אנדערע קלאגען, צום ביישפיעל, ניט ריינע שעפער, שלעכטע בעהאנדלונג פון די פארליידיס א. ז. וו.

די ערשטע עטליכע טעג פון סטרייק האט די פירמע ניט געוואלט הערען פון א סעטלמענט. אבער די מיידלעך, אונטער דער פיהרערשאפט פון מיס שניידערמאן, האבען געפיקעט די שעפער אזוי טיכטיג דאס די בעלי בתים האבען גלייך דערזעהן דאס זיי האבען צו טהאן מיט א שווערען קאמפף, און נאך א וואך סטרייקען, זיינען זיי געווען געצוואונגען צו סעטלען מיט דער קאמיטע פון דער סענטראל לייבאר יוניאן און די מיידלעך. ביי דעם סעטלמענט איז אויך געווען פערטראטען די מאססאטשוזעטס באארד אוו ארביטריישאן. די ארבייטער האבען דורך דעם אגריימענט געוואונען פיעלע פערבעסערונגען: די ארבייטס שטונדען זיינען פערקירצט געווארען פון 54 אויף 48; די שטראף־סיסטעם איז אבגעשאפט געווארען; די צאהלונג פאר קאסטען איז רעדוצירט געווארען און דעם 1טען יאנואר ווערט עס אין גאנצען אבגעשאפט; די פרייזען פאר שטיק ארבייטער ווערען אזוי איבערגעמאכט, דאס די ארבייטער זאלען איצט, ווען זיי ארבייטען 6 שטונדען א וואך וועניגער, ניט פערדיענען וועניגער ווי פריהער; אלע סטרייקערס, אויך די פינף וואס זיינען געשיקט געווארען גלייך נאך דעם ערשטען מיטינג, זאלען צוריקגענומען ווערען צו דער ארבייט; קיינע דיסקרימיניישאנס געגען טהעטיגע יוניאן־מיטגליעדער; די ארבייטער אין שאפ זאלען ניט געצוואונגען זיין צו קלינען דעם שאפ און די שאפ־קאמיטעס זאלען האבען דאס רעכט צו מאכען קאמפליינטס צו דער פירמע, וועלכע דארף זיי אויפנעהמען און בעטראכטען.

אלע ארבייטער, אהן אויסנאהמע, האבען זיך אנגעשלאסען אן דער יוניאן. דעם זיעג האבען די מיידלעך געפייערט מיט א באלל, וואס זיי האבען געהאט אין איינעם פון די גרעסטע האללען אין ספרינגפיעלד. הונדערטער האבען געמוזט געהן צוריק, ווייל עס איז ניט געווען קיין פלאץ פאר זיי.

אויף־זייער זייט. נאך אלע זאכען, האב איך דערפיהלט, אז פארט זיינען טאקע די אלע רעדנער און בעאמטע אונזערע פריינד, און א סך פון זיי האט איך שטארק ליעב געקריגען, געקוקט אויף זיי ווי אויף אונזערע מענשען, אויף וועלכע מען קען זיך איין אין עת־צרה פערלאזען . . .

איינס אבער האב איך ביי זיך נישט געקענט פועל'ן, איך זאל אוועקמאכען מיט דער האנד מיין באס. ערשטענס, האב איך גלאט בטבע דרך ארץ פאר רייכע מענשען (מיין באס איז א גביר אדיר!) איך האב זיך בשום אופן נישט געקענט פארשטעלען, ווי אזוי קען איך ווערען מיט א מאל אזא יחסן, „א ריהר מיך ניט אן", אין דער צייט וואס באמת בין איך א פראסטער בעל־מלאכה און ער, דער באס, — א מאנופעקטשורער, א מענש וואס פיהרט ביזנעס אויף שווערע טויזענדער.

און דא איז אויסגענומען א תנאי, אז די ארבייטער זאלען מיט די באסעס קיין שום בעזונדערע געשעפטען נישט האבען. אבגעארבייט די נייען שעה — געהט אהיים!

אז דער סטרייק האט זיך געענדיגט איז, נאך מיין מיינונג, אויף די באסעס געוועזען א גרויסער רחמנות. וואס מיינט איהר — זיי האבען ערגערע געשעפטען, חלילה, געמאכט? — ניין! דאס גראדע ניט! זיי זיינען געווארען פשוט אויס מושלים! קיין ארבייטער אבזאגען אין מיטען דערינען אהן א פארוואס, טארען זיי נישט; א נייעם אריינגעהמען אהן דער יוניאן —טארען זיי אודאי און אודאי נישט. אלץ איז די יוניאן און די יוניאן! איהר פערשטעהט אן עסק! היינט וואס טויג זיי שוין דאס געלד מיט די עשירות, אז זייער דעה איז קיין דעה נישט. . . ווארים, צווישען אונז גערעדט, צו וואס יאגט זיך בכלל דער מענש נאך עשירות— כדי צו האבען די ממשלה, כדי מען זאל פאר איהם מורא האבען, מען זאל וויסען, אז ער־איז ער, אז זיין ווארט גילט, זיין דעה ווערט אנגענומען. אבער וויבאלד, אז ביי א באס ארבייטען הונדערטער ארבייטער און ער האט אויף זיי ניט קיין דעה און קען מיט זיי ניט טהאן וואס זיין הארץ גלוסט, איז דאך נישט ניחה דאס עשירות . . .

ווי מיינט איהר, בין איך ניט גערעכט? . . .

איז טאקע אויף די באסעס געוועזען א רחמנות. נאר מיר איז אנגעגאנגען בלויז מיין באס. ערשטענס, ווי זאגט ער, א לאנדסמאן, איז ער א איד, וואס האט ליעב כבוד. קיין שלעכטער מענש איז ער ניט, דוקא א גוטער מענש. היינט פארוואס זאל מען איהם טאקע נישט אבגעבען קיין כבוד, לכל הפחות דאס, וואס איהם קומט!

און אט דא הויבען זיך אן מיינע צרות.

מיר האט נישט געארט, וואס איך קען איצט ניט ארבייטען אזוי פיעל, ווי איך האב געארבייט איידער דער סטרייק. איהר ווילט איך זאל ארבייטען נייען שעה, זאל זיין נייען! זאלען אלע ארבייטער האבען ארבייט! עס איז אפשר ניט קיין עולה! אבער וואס ארט אייך, אז איך בין מיט'ן באס פריינדליך, בלייב א מאל שפעטער און שמועס זיך דורך מיט איהם, איך הער אויס זיינע טענות, זיינע פעריבעלס אויף דער יוניאן . . . א מאל גיב איך איהם טאקע גערעכט אויך . . . ער הויבט אן צו קלאגען זיך אויף דער יוניאן, צונעהט מיר דאס הארץ. און איך גיב איהם טאקע גערעכט . . . ווארים פאר זיך איז ער דאך טאקע גערעכט: מען נעהמט א קיסר און מען טהוט איהם אויס די קרוין און מען נעהמט ביי איהם צו די מלוכה מיט דעם חייל און מען זאגט איהם אזוי: „דיין געלד און דיינע אוצרות ריהרען מיר נישט אן, מיר גיבען דיר אלץ אוועק, אבער אין דער מלוכה מיש זיך נישט, ניט דיין עסק! . . . איהר פערשטעהט, ווי עס איז גוט דעמאלט אוים'ן הארצען דעם דאזיגען קיסר . . .

א מאל טרייסט איך איהם, מיין „באס", הייסט עס, אז גאט וועט נאך העלפען, א מאל זאג איך איהם אזוי א גוט־ווארט און א מאל, אז עס איז דא וועהר נויטיגע ארבייט, בלייב איך פערשלאפען אין א חדר'ל און פערענדיג עס . . .

איהר מיינט איך בין אויסען דעם דאלאר, חלילה! איך קען איהם פשוט ניט אבזאגען.

איינמאל, צוויי מאל, דריי מאל — האבען דאס די ארבייטער בעמערקט.

— וואס האט איהר, מיסטער, פאר א געשעפטען מיט'ן באס? — פרעגט מיך א יונגער „שנעקעל", וואס אין די „גוטע יאהרען" וואלט איך אפילו מיט איהם ניט גערעדט.

ענטפער איך איהם מיט שטאלץ און אויך צו להכעיס:

— מיט וועמען דען זאל איך האבען געשעפטען, מיט דיר?!

הער איך ווי אין שאפ, ארום מיין טיש, ווערט א גערויש, א הורושעריי!

דער פארמאן אפילו איז אויף מיין „זייט",

גלאַט: אײנער פּערדיענט פֿערציג דאָלאַר א װאָך און א צװײטער פּערדיענט אַכט און א דריט־טער נעהמט אום גאָר לעדיג...

האָט איהר געהערט א מעשה! אַלע מאָל איז דאָך אַזױ! װער עס איז א בריה, האָט א גיבע האַנד און פֿילט זיך נישט, דער פּערדיענט. אַ, די װאָס געהען ארום לעדיג?! — איז טאַקע א רחמנות. איז װאָס־זשע אָבער קען א י ך העלפֿען? איך פֿרעג אײך! און אויף מיר איז דען נישט קײן רחמנות! — גלויבט מיר, אַז פֿיערציג דאָלאַר א װאָך איז פֿאַר מיר געװען ניט קײן סך. איהר דאַרפֿט װיסען, אַז איך האָב אהער אראָבגעבראַכט מײן װײב מיט די פֿיער קינדער און דאָ זײנען געבוירען געװאָרען נאָך א דרײ, זאָלען געזונד און שטאַרק זײן, מען איז א גרויסער בעל־הוצאה. און טאָמער ליגט אין די בײנק א פּאָאר דאָלאַר, מוז מען דאָך זעהן פֿערזאָרגען אויף שפּעטער.

מילא, װאָס זאָל איך אײך א סך ברײען, איז ארויסגערופֿען געװאָרען א סטרײק!

רעכען איך מיר אוים, אַז א סטרײק איז טאַקע א גאַנץ װיכטיגער ענין. ארבײטער האַר־פֿען טאַקע זעהן זײער לאַגע צו פֿערבעסערען, עס איז נישט קײן עולה... אָבער איך בין דאָך א טאַטע פֿון קינדער און בײ מײן באָס ארבײט איך שוין א שעהנע פּאָאר יאָהר און קײן טענות צו איהם האָב איך באמת נישט. ער האָט מיך בעהאַנדעלט אויף'ן שעהנסטען אופֿן. ער איז טאַקע מײנער א לאַנדסמאַן, האָט זיך דאָ ארויפֿגעאַרבײט... רעכען איך מיר אוים, אַז זײ זאָלען טאַקע אַלע סטרײקען, מהיכא תיתי, און א י ך װעל מיר שטילערהײט, פּאַװאָליע ארבײטען...

װײזט זיך ארויס, אַז דאָ איז דאָס נאָר אײנס פֿון די גרעסטע פֿערברעכענס. עס הײסט, ניט בײ דער מלוכה חלילה... די מלוכה האַלט דוקא פֿון אַזעלכע... נור בײ די ארבײטער, הײסט עס, א „סקעב"... און א סקעב איז דאָ ערגער װי אין דער הײם אײנער אין חרם.

מילא, װאָס זאָל איך אײך דערצעהלען א סך, איך האָב אויך געװאָרפֿען די ארבײט. עס איז מיר אפֿילו געװען זעהר שװער „מעיז פּנים" זײן דעם באָס. ער האָט אויף מיר א קוק געטהאָן, זאָג איך אײך, האָט מיר געשטאָכען אין האַר־צען: דו ארבײטסט בײ א מענשען פֿינף־זעקס יאָהר, און ער צאָהלט דיר אַלע װאָך „קעש" מזומן און האָסט צו איהם אײגענטליך קײן טענות ניט, מיט א מאָל נעה און װער ברוגז און זאָג: נײן, מעהר ארבײט איך ניט!...

נור פֿערפֿאַלען. קײן סקעב זײן האָט זיך ניט געװאָלט. עס איז, דער אמת געזאָגט, א מיאוס'ער צונאָמען.

און דערצו איז טאַקע געװאָרען אײנס און צװײ א שטאַרקע חברה, א יוניאָן הײסט עס, און אַז א יוניאָן הײסט, מוז מען פֿאָלגען!

עס איז, זאָג איך אײך, אן אמת'ע מלוכה, די יוניאָן, מיט טשינאָװניקעס, בעאַמטע, דעלע־גאַטען, ארגאַניזערס, סעקרעטערס — כאָטש נעהם און טהו זײ אָן שליפּעס מיט מעשענע קנעפּ.

און איך האָב געסטרײקט גלײך מיט אַלע אידען. װאָס דען, א יחסן בין איך! א גליק נאָך װאָס איך האָב אָבגעשפּאָרט עטליכע דאָ־לאַר. אמת, די „יוניע" האָט אפֿילו די ערשטע װאָך „געשטיצט" מיט ביסלעך געלד, אָבער װאָס האָט עס געקלעקט! נאָכדעם האָט מען שוין צאָהלען אויך אויפֿגעהערט, עס האָט זיך אויס־געשעפּט פֿון קאַסע! א קלײניגקײט, אַז עס סטרײקען איבער פֿופֿציג טויזענד מאַן!

אָט אַזױ האָב איך „צוריבען" א װאָך צװעלף. מײנט איהר, אַז די צװעלף װאָכען האָב איך גערוהט? חס וחלילה! אַלע טאָג האָב איך געמוזט געהן אויף די מיטינגס, פֿערזאַמלונגען, װאו אַלערלײ רעדנער האָבען גערעדט װעגען דער מאַכט פֿון די ארבײטער און װעגען דעם װי אַזױ די באָסעס האָבען געזויגט אונזער בלוט, און אַז װײטער אַזױ קען עס נישט געהן. אײן רעד־נער אראָפּ—דער אַנדערער ארויף, און אַלץ די זעלבע װערטער, כדי מיר ארבײטער זאָלען עס בעסער פֿערשטעהן.

איך װיל נישט לײקענען. אין די דרײ חדשים צײט בין איך אַביסעל אויסגעבילדעט געװאָרען. קודם בין איך דערגאַנגען א סך ענגלישע נײע װערטער, װײל די רעדנער זײנען שוין אַלע לאַנג אין לאַנד און מישען ארײן א סך ענגליש, אָבער מיט דער צײט האָב איך אַלץ פֿערשטאַנען.

צײטענװײז פֿלעגען די רעדנער מיך אַלײן שטאַרק דורכנעהמען, װי א גוטער מגיד אין דער הײם. עס הײסט, איך האָב דערפֿיהלט. אַז עס איז נישט קײן יושר, אַז דער באָס זאָל אַזױ פֿיעל פֿערדיענען און די ארבײטער כמעט װי גאָרנישט... און איך בין שוין אפֿילו, אין האַרצען בײ זיך, אריבערגעגאַנגען אין גאַנצען

# פארוואס די ארבייטער דארפען שטימען געגען דער נייער קאנסטיטושאן

פון הלל ראגאף.

די קאנווענשאן וואס די פעדערײשאן אוו ליבאר האט פערדופען ספעציעל אין אלבאני, צו נעהמען א שטעלונג אין דער פראגע וועגען דער נייער קאנסטיטושאן, האט אויסגעארבייט 13 טעמים ווארום ארבייטער מוזען וואוטען געגען דער קאנסטיטושאן. מיר גלויבען, דאס די קאנווענשאן איז געווען צו מילד; זי האט לייכט געקענט אויסארבייטען נאך א פאאר צעהנדליג טעמים. די קאנסטיטושאן איז א גאנץ לאנגע, זי פערנעהמט עטליכע צעהנדליג פיידזשעס, און אין איהר געפינען זיך נאך וועניג פונקטען אויף וועלכע מענשען מיט אן עטוואס פראגרעסיווען גייסט זאלען זיך קענען אונטערשרייבען.

די פיהרענדע גייסטער אויף דער קאנווענשאן, וואס האבען די קאנסטיטושאן פערפאסט, זיינען געווען די צוויי ערגסטע רעאקציאנערען פון דער רעפובליקאנער פארטיי: דער געוועזענער סענאטאר רוט און דער באס פון דער פארטיי ארגאניזאציאן—בארנעס. דיעזע צוויי לייטע האבען די קאנווענשאן קאנטראלירט. דערפאר וואס די איבעריגע רעלעגאטען זיינען געווען אנטוועדער זייערע קאלעגען אדער זייערע לאקייען. די ארבייטער האבען צווישען די 150 רעלעגאטען געהאט בלויז דריי פערטרעטער. עס פערשטעהט זיך, אז דיעזע דריי האבען גארניט געקענט מאכען. די דעמאקראטען האבען געהאט א היבשע מינאריטעט, אבער אויסער אין א פאאר פאליטישע פראגען, זיינען זיי געווען אייניג מיט די רעפובליקאנער. איהר מוזט דאך וויסען דאס א קאנסטיטושאן ענטהאלט די גרונד־געזעצע, די גרונד־פרינציפען פון דער רעגירונג, און אין גרונד־פראגען איז צווישען די רעפובליקאנער און די דעמאקראטען קיין אונטערשיעד ניטא. די ביידע פארטייען שטימען איין, דאס די הויפט אויפגאבע פון דער רעגירונג דארף זיין צו בעשיצען די אינטערעסען פון אייגענטהום, די אינטערעסען פון די רייכע.

די קאנסטיטושאן־קאנווענשאן האט געזאלט די איצטיגע קאנסטיטושאן „אויסבעסערן". לאמיר אלזא גרינדליך בעטראכטען מאנכע פון די הויפט אויסבעסערונגען וואס זיינען געמאכט געווארען.

1) דער „שארט באלאט", איצטער ערוועהלט דאס פאלק אלע הויכע סטייט בעאמטע. די קלענערע בעאמטע ווערען אפאינטעט פון דעם גאווערנאר מיט דער גוטהייסונג פון דעם סענאט. די נייע קאנסטיטושאן לייגט פאר דאס בלויז דריי פון דיעזע הויכע בעאמטע זאלען ערוועהלט ווערען פון פאלק, אלע איבעריגע זאלען אפאינטעט ווערען פון גאווערנאר. און דער גאווערנאר זאל זאגאר די בעשטימונג פון סענאט ניט דארפען האבען.

וואס דאס בעדייט קען יעדער מענש מיט א פראסטען שכל בעגרייפען. דאס הייסט, אז די רעגירונג ווערט וועניגער דעמאקראטיש. דאס פאלק קריגט א קלענערע דעה אין דער רעגירונג ווי ער האט פריהער געהאט. די פולע שרעקליכע בעדייטונג פון דיעזען פונקט זעהט מען אבער ערשט דאן, ווען מען נעהמט איהם אין פערבינדונג מיט א צווייטע „אויסבעסערונג". דאן ערשט זעהט מען, ווי ווייט רעאקציאנער די קאנווענשאן איז געווען.

2) דער צווייטער פונקט ערקלערט, דאס דער בודזשעט זאל יעדען יאהר פארגעלייגט ווערען פון גאווערנאר פאר'ן לעדזשיסלייטשור, און די לעדזשיסלייטשור זאל האבען די מאכט בלויז איהם צו פערקלענערען, פערגרעסערען ניט. אויב די לעדזשיסלייטשור וויל צוגעבען געוויסע הוצאות, זאל זי דאס קענען טהאן בלויז נאך דעם ווי דעם גאווערנאר'ס בודזשעט נעהמט דורך. און אויך דאן האט דער גאווערנאר דאס רעכט דיעזע פארגעשלאגענע הוצאות פון דער לעדזשיסלייטשור צוריקצואווייזען.

נעהמט, אלזא, די צוויי „אויסבעסערונגען" צוזאמען און בעטראכט וואס זיי בעדייטען.

דער גאווערנאר אפאינטעט איינער אליין אלע וויכטיגע בעאמטע, די קעפ פון אלע דעפארטמענטס. דער גאווערנאר בעשטימט פאקטיש די געלד וואס יעדער דעפארטמענט זאל האבען פאר זיינע יעהרליכע הוצאות. די לעדזשיסלייטשור. דאס הייסט די אמת'ע פאלקס־

װײל די פארלײטע זײנען מיט דער יוניאן אויך נישט שטארק צופריעדען. בײ זײ האט מען אויך די דעה אבגענומען. װער רעדט פאטשען זיך, װי אין די אמאליגע יאהרען, קענען זײ איצטער אוראי נים — פערדריסט עס זײ טאקע די מעשה. אבער העלפען מיר קען ער נישט. ער װינקט מיר נור מיט די אויגען, װי ער װאלט מיר צוגעגעבען מוטה!...

נאך דער ארבײט קלײבען זיך די ארבײטער צו גײן אהײם.

מײנער אבער אײלט זיך נישט. איך האב ליעב גײן שפעטער פון אלעמען.

— נו, מיסטער, פארװאס גײט איהר נישט? —װאנדערן זיך צו מיר עטליכע פון די יונגע, װאס ארבײטען נעבען מיר.

— איך האב צײט! — ענטפער איך בלומרשט קאלטבלוטיג, אבער אין הארצען ברענט בײ מיר א פײער: אזױנע יונגאטשעס. זײ היטען מיך נאר!

נאטירליך, האב איך אויסגעפיהרט דאס מײניגע, בין געבליבען.

כ'האב מיר צורעדט מיט'ן באס און אויסגעלאזט כל חמתי אויף זײערע קעפ.

אויף איבערמארגען בעקום איך פון דער יוניאן א בריװעלע, א מין „פאװיעסטקע", מען רופט מיך.

טראכט איך מיר: „עס זײנען דאך נישט קײן גוים, זײ זײנען דאך אידען.

און גײ נישט...

קומען אויף מארגען טאקע שוין אין שאפ גופא צװײ דעלעגאטען. רעדען זיך דורך מיט'ן באס, מיט'ן פארמאן און מען „נעהמט" מיך אראב פון דער ארבײט.

דער באס טענה'ט:

— װאס האט איהר צום דאזיגען ארבײטער? ענטפערן זײ:

— בײן „טרײעל" װעט עס שוין קלאר װערען.

מילא, װאס זאל איך אײך א סך ברײען, איך זעה אז איהר אײלט זיך שוין צו — עס איז געװארען אן אמת'ער פראצעס.

און מען האט מיך פאר'משפט:

צעהן דאלאר שטראף און איבערפיהרען אין אן אנדער שאפ.

דאס הײסט פשוט: „נא װיסעלעניע", װי בײ אונז אין רוסלאנד, להבדיל...

ארט מיר נישט אזױ די צעהן דאלאר (װײל דאס האט מיר ענדליך די יוניאן געשענקט!) װי דאס איבערפיהרען מיך אין אן אנדער שאפ.

אמת, דער שאפ װאו איך ארבײט איצט איז א סך א גרעסערער, א ליכטיגערער... מעהר לופט, איפ'ן ערשטען פלאר, בײ א פענסטער — טאמער, חלילה, א פײער — קען מען גלײך שפרינגען... אבער מיר איז דא די ארבײט נישט ניחא. ערשטענס, קוקען אויף מיר די ארבײטער װי אויף דעם גרעסטען פערברעכער, זײ װײסען מײן גאנצען „פראצעס" און מען היט מיך. עס הײסט, איך בין „פאר נאדזאראם" — איך זאל חלילה נישט רעדען מיט'ן באס.

זײ װײסען נישט, די חברה, אז דער נײער באס געהט מיך אן װי פאר־א־יאהריגער שנײ. און צװײטענס, איז ער א דײטשער יהודי און װען איך זאל אפילו צו איהם רעדען, װעט ער מיר נישט ענטפערן—יענער איז א מאנארכע!..

אבער זײ האבען אײן ארבײט און היטען מיך! מײנט איהר היטען זײ מיך אײן? — אײנמאל אין װאך באפ איך מיך ארויף צו מײן געװעזענעם „באס".

איך רעד פאר איהם אוים דאס הארץ, ער טרײסט מיך, איך טרײסט איהם און מיר האפען נאך, אז די יוניאן װעט מיך פריהער צי שפעטער בעגנאדיגען און װעט מיר ערלויבען צוריק ארבײטען בײ דעם באס, מײן לאנדסמאן...

איך בעט אײך, — האט א י ה ר נישט אמאל א „פול" בײ די מאכער פון דער יוניאן? רעדט זיך דורך מיט זײ...

קאָנווענשאָן און אַלע זיינען זיי פון דער קאָנווענשאָן צוריקגעוויזען געוואָרען.

ווערט איהר דאָך מיינען, דאָס דיעזע פאָדערונגען זיינען געווען צו גרויסע, צופיעל סאָציאַליסטיש. הויבט זיך ניט אָן. דאָס זיינען געווען פאָדערונגען. וועלכע ווערען אין מאַנכע סטייטס שוין איצטער אָנערקענט. פאָדערונגען וועלכע יעדער פראָגרעסיווער מענש וואָלט אונטערגעשריעבען.

אָט זיינען אייניגע פון זיי:

(1) אַז די סטייט אַרבייט זאָל מען ניט טאָרען אַרבייטען מעהר ווי אַכט שטונדען אַ טאָג.

(2) דאָס ווען די לעדזשיסלייטשור. מאַכט אַ געזעץ צו גונסטען אַרבייט, זאָלען די קאָורטס איהם ניט טאָרען מבטל זיין אויפ'ן גרונד, אַז ער איז ניט קאָנסטיטוציאָנעל.

(3) דאָס די מיליטער־מאַכט פון די סטייט זאָל אין צייט פון סטרייקס ניט טאָרען אָוועקרויבען פון די סטרייקערס זייערע פרייהייטען און רעכטע, און דאָס אַרעסטירטע סטרייקערס זאָלען ניט געשטעלט ווערען צו אַ קריעגס־געריכט, נור זיי זאָלען גע'משפט ווערען דורך אַ דזשורי.

(4) דאָס די קאָנסטיטושאָן זאָל קלאָר מאַכען, וואָס עס הייסט פרייע פרעסע און פרייע רעדע. (איצטער האָט יעדער ריכטער אַליין דאָס רעכט צו בעשטימען, וואָס איינער מעג ריידען און וואָס ניט. אַ קאַפּיטאַליסטישער דזשאָדזש פסק'נט נאַטירליך דאָס אַרבייטער טאָרען גאָרניט ריידען און גאָרניט שרייבען, אויב דאָס ברייננט נור שאָדען די קאַפּיטאַליסטען).

דאָס זיינען עטליכע סעמפּעלס פון די סאָרט געזעצע, וואָס די אַרבייטער האָבען געפאָדערט, אַז זיי זאָלען אַריינגעשטעלט ווערען אין דער נייער קאָנסטיטושאָן. די קאָנווענשאָן האָט זיי אַלע צוריקגעוויזען. נאָכמעהר, זי האָט געמאַכט געוויסע ענדערונגען אין דער אַלטער קאָנסטיטושאָן, וועלכע רויבען פון די אַרבייטער אָוועק געוויסע רעכטע, וואָס זיי האָבען איצטער יע.

אינטערעסאַנט איז די מעטהאָדע דורך וועלכע די קאָנווענשאָן האָט געטריים די אַרבייטער אָבצונאַרען. זי האָט זיי צוגעוואָרפען אַ ביינדעל, זאָ צו זאָגען. אַ ביינדעל, וועלכען די אַרבייטער האָבען שוין פריהער דורך לאַנגע בלוטיגע קעמפּפע אַליין אַרויסגעריסען.

אָט, צום ביישפּיעל, גיט די נייע קאָנסטיטושאָן דער לעדזשיסלייטשור דאָס רעכט צו מאַכען געזעצע געגען אַרבייט אין טענעמענט הייזער. אַזוינע געזעצע האָט שוין די לעדזשיסלייטשור פון לאַנג אָן געמאַכט, נור זיי האָבען געהאָלפען ווי אַ טויטען באַנקעס. די אַרבייטער אַליין האָבען דורך בלוטיגע קעמפּפע פערטריבען די טענעמענט הויז סיסטעם פון פיעלע טריידס.

נאָך אַ ביינדעל — די נייע קאָנסטיטושאָן ערלויבט דער לעדזשיסלייטשור צו מאַכען געזעצע וועגען בעלאָהנען געשעדיגטע אַרבייטער. דיעזע ערלויבניס האָט שוין די לעדזשיסלייטשור געקראָגען בעפאָר און געקראָגען האָט זי עס דורך די לאַנגע, שווערע אַגיטאַציאָן פון די סאָציאַליסטען און די אָרגאַניזירטע אַרבייטער.

יעדער דיינקענדער אַרבייטער וועט שטימען געגען דער נייער קאָנסטיטושאָן. מיר האָפען אָבער דאָס דערמיט אַליין וועט ער זיך ניט בענוגענען. זאָל ער צו דערזעלבער צייט זיך אַריינטראַכטען אין די אורזאַכען פאַרוואָס די נייע קאָנסטיטושאָן איז אַזוי רעאַקציאָנער, אַזוי שאַרף געגען די אינטערעסען פון די אַרבייטער. זאָל ער זיך שטעלען די פראַגע פאַרוואָס איז קיין איינציגער גינסטיגער אַרבייטער־געזעץ אין די קאָנסטיטושאָן ניט אַריינגעשטעלט געוואָרען?

און דעם איינציגען ענטפער וואָס ער וועט אויף דיעזער פראַגע געפינען, וועט זיין: ווייל די צוויי גרויסע פּאַרטייען, וועלכע האָבען צונויפגעשטעלט די קאָנסטיטושאָן־קאָנווענשאָן, זיינען ביידע פון דעם קאַפּיטאַליסטישען קלאַס, ווייל די איינציגע פּאַרטיי, וואָס פערטרעט די אַרבייטער'ס אינטערעסען, די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, האָט אויף דיעזער קאָנווענשאָן קיין דעלעגאַטען ניט געהאַט.

און ווען איהר, אַרבייטער, וועט אָט דאָס דורכטראַכטען, וועט איהר זיך ניט בענוגענען מיט שטימען געגען דער נייער קאָנסטיטושאָן, נור איהר וועט אויך שטימען געגען די אַלע קאַנדידאַטען פון די פּאַרטייען וואָס זיינען פאַר דער נייער קאָנסטיטושאָן פעראַנטוואָרטליך. איהר וועט וואָוטען פאַר די קאַנדידאַטען פון דער איינציגער פּאַרטיי וואָס רעפּרעזענטירט די אינטערעסען פון די אַרבייטער — די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי.

פערטרעטער. דאס אלזא כמעט נאר קיין דעה ניט אין דער אדמיניסטראציאן, אין דער פראקטישער פערוואלטונג פון דער רעגירונג. דאס וואס זי קען ארונטערשניידען די געלדער, וואס דער גאווערנאר בעשטימט, איז זעהר וועניג, דער פאקט איז שוין פעסטגעשטעלט געווארען, דאס מיט אזא מין מאכט בענוצט זיך א לעדזשיס־לייטשור זעהר וועניג. דאס איז אבער נאך ניט אלעס.

מען מוז געדענקען, דאס די לעדזשיסלייטשור בעשטעהט פון פארטרעטער פון איינצעלנע דיסטריקטען. יעדער דיסטריקט האט געוויסע זאכען וואס ער טרייט צו קריגען פון דער רעגירונג דורך זיין פארטרעטער. איבערהויפט איז דאס דער פאל אין די קאונטרי געגענדען. אום זיינע וואוטערס צו בעפרידיגען, מוז דער אסעמבלימאן אדער דער סענאטאר אלעס טהאן צו קריגען דאס וואס זיין דיסטריקט פאדערט (אן אויסגיבריקירטע וועג, א צדקה־אנשטאלט, א סטייט־האספיטאל א. ז. וו.). איצטער, אז דער בודזשעט ווערט געשטימט דורך דער לעדזשיסלייטשור, מוז דער אסעמבלימאן טרייען ווידקען אויף דער מאיאריטעט פון דער אסעמבלי, דאס הייסט אויף דער מאיאריטעט פון די אלגעמיינע פאלקס־פערטרעטער. זיי זאלען זיין פערלאנג נאכגעבען. אין דעם נייעם פארגעשלאגענעם סיסטעם, וועט ער מוזען פאר אזוינע זאכען זיך ווענדען צום גאווערנאר.

וואס הייסט עס, אלזא?

דאס הייסט, אז דער גאווערנאר ווערט פראקטיש דער קעניג פון דער סטייט. א קעניג מיט אונבעגרענעצטע מאכט. ער וועט אליין אפאינטען די בעאמטע, ער וועט אליין בעשטימען די הוצאות פון דער רעגירונג, ער וועט האבען אלע אסעמבלי־לייט און סענאטארען, אלע פאלקס־פערטרעטער אין זיינע הענד. זיי וועלען מוזען טהאן, וואס ער וועט זיי הייסען, ווארום אויב ניט, וועט ער די מעגליכקייט האבען זיי צו שעדיגען אזוי, אז די דיסטריקטען זייערע זאלען זיי מעהר ניט ערוועהלען.

איינער פון די גרונד־פרינציפען פון פרייע רעגירונג איז, דאס דער „פאקעט בוך" פון דער רעגירונג זאל ליגען אין די הענד פון דער לעדזשיסלייטשור, פון די אמת'ע פאלקס פערטרעטער. דאס איז אן אלטער כלל, וועלכער איז אנערקענט געווארען מיט הונדערטע יאהרען צוריק. אין דער קאנסטיטושאן פון די פעראייניגטע שטאאטען, וועלכע איז פערפאסט געווארען מיט א הונדערט און דרייסיג יאהר צוריק, איז דא א פונקט דאס בילס וועגען טעקסעס מוזען צום ערשטען אריינגעטראגען ווערען אין דער האוז אוו רעפרעזענטעטיווס. דאס איז אלץ צוליעב דעם זעלבען טעם, אז די הויז וואס פערטרעט דאס פאלק מוז האבען די גרעסטע דעה אין געלד פראגען.

די פערפאסער פון אונזער נייער סטייט קאנסטיטושאן האבען אונטער די פיס געטראטען איינעם פון די הייליגסטע פרייהייטס־געזעצע. זיי האבען אויסגעארבייט א קאנסטיטושאן, וועלכע מאכט א קעניג איבער דער סטייט. און געטהאן האבען זיי עס, ווייל פאר די קאפיטאליסטען וועמען זיי האבען אויף דער קאנווענשאן פערטראטען, לייגט זיך נאטירליך בעסער. אז די סטייט זאל רעגירט ווערען פון איין „קעניג" ווי פון א גאנצע קערפערשאפט פאלקס־פערטרעטער. וואו עס קענען זיך אמאל אריינכאפען מענשען מיט פרינציפען און מיט געפיהלען.

די ארבייטער פון ניו יארק האבען אויסער דיעזע אלגעמיינע אורזאכען א סך ספעציעלע אורזאכען די נייע קאנסטיטושאן צו פערדאמען. זיי האט די קאנווענשאן אין גאנצען איגנארירט, בעהאנדעלט אזוי ווי אויסוואורפען.

אין גרונד גענומען, האבען די הויפט אויסבעסערונגען אין דער קאנסטיטושאן געדארפט זיין אין בעצוג צו ארבייטער פראגען. אין די מעהר פראגרעסיווע סטייטס אין די [illegible] ענטהאלטען די קאנסטיטושאנס גאנצע פיידזשעס מיט געזעץ־מאכונג אין ארבייטער פראגען. פאליטישע אויסבעסערונגען, דאס הייסט, אויסבעסערונגען אין די ארט און ווייזע ווי אזוי די רעגירונג זאל געפיהרט ווערען, ווי אזוי זי זאל איהר ארבייט טהאן זיינען שוין ניט אזוי וויכטיג איצטער — דאס אנערקענט יעדערער, וועלכער איז נור עטוואס בעקאנט מיט דעם גייסט פון רעפארם בעוועגונגען.

אלזא, האט מען ווירקליך געהאפט, דאס די קאנווענשאן וועט זיך אבגעבען א היבשע ביסעל מיט דיעזע ארבייטער פראגען. די ארגאניזירטע ארבייטער האבען ביי דער עפענונג פון דער קאנווענשאן אויסגעארבייט 25 פאדערונגען. 25 פונקטען אין בעצוג צו ארבייט וועלכע זאלען אין דער קאנסטיטושאן אריינגעשטעלט ווערען אדער אויסגעבעסערט ווערען. זיי האבען דיעזע 25 פונקטען פארגעלייגט פאר דער

וועט די פעלקער קיין אנדער ברירה ניט געבען. זי וועט זיי אנדערש ניט קענען העלפען.

* * *

לאמיר א בליק טהאן אויף דעם צושטאנד וואס האט געהערשט אין אייראפא בעפאר און וועהרענד דער מלחמה.

אין עקאנאמישען און אינדוסטריעלען לעבען הערשט תוהו ובוהו, אונטערדריקונג, ניוועטץ. די דאזיגע פעהלערען האבען זיך אזוי שלעכט אבגערופען אויף די מלחמה־לענדער, אז די רעגיערונגען האבען גלייך געמוזט איינפיהרען גרויסע ענדערונגען. אין דייטשלאנד איז איצט אלץ אונטער רעגיערונגס־קאנטראל — די אינדוסטריען, די נאציאנאלע פינאנצען, די פראדוקטען — אפילו וויפיעל און וואסער ברויט אדער פלייש די בירגער דארפען עסען. ענגלאנד — דאס לאנד וואו דער קאפיטאליזם האט זיך ענטוויקעלט און געהערשט מיט פולער מאכט אויף יעדען געביעט — קומט ביסלעבווייז אויך צו אזא צושטאנד. די סאציאלע פאליטיק פון „לאז יעדער כאפען פאר זיך און די איבריגע צום טייפעל", איז משמעות געווען אזוי צופוילט, אזוי אבגעלעבט, אז דאס לאנד וואלט געגאנגען פינאנציעל און מאראליש קאפוט, ווען די רעגיערונג וואלט ניט געמאכט א גרויסע ענדערונג אין דעם אינדוסטריעלען לעבען. אין דעם עקאנאמישען און סאציאלען לעבען איז פערשוואונדען געווארען א סך פון דעם שוואוילטאג פון די רייכע לעדיגגעהער. „זייט עקאנאמיש און שפארזאם!" — ראטה די רעגיערונג אלע בירגער — זאנסט פון וואנען וועט זי נעהמען די 20 מיליאן דאל. וואס די מלחמה קאסט איהר אב יעדען טאג? דאס איז אין די צוויי פארנעהמסטע מלחמה־לענדער און ממילא אויך אין די איבריגע קלענערע לענדער.

אין גייסטיגען און מאראלישען לעבען האט געהערשט און עס הערשט אן אונבעשרייבליכער מיש־מאש: היפאקריטסטווע, פאלשקייט און פערדארבענהייט, בעדעקט מיט א מאנטעל פון רעליגיאן, און פערגילט מיט ציוויליזאציע און מאראל; קנאה־שנאה צווישען איינצעלנע מענשען און נאציאנען; ראסען־האס און אנטיסעמיטיזם זייט ביי זייט מיט דער אנגענומענער אידעע פון די קריסטען, אז די אידען זיינען אן אויסערוועהלט פאלק און אז אלע מענשען שטאמען פון איין שורש און האבען „איין פאטער אין הימעל"; א קאפיטאליסטישער פאראורטהייל געגען די ארבייטער, וואס האט געמאכט די רייכע קלאסען גלויבען, אז דאס ארבייטער פאלק איז טאקע א נידריגער פאלק. מען האט, ווי עס שיינט, געדארפט האבען די מלחמה אום צו בעפעסטיגען די איבערצייגונג, אז די ארבייטער זיינען די יסודות אויף וועלכע עס שטעהט די וועלט.

אין רעליגיעזען לעבען ווייזט זיך איצט ארויס פיעל שטארקער ווי אין וועלכער עס איז צייט וואס פאר א ריעזיגער שווינדעל די רעליגיאן פון די אייראפעאישע נאציאנען איז געווען אין אלע צייטען. וואס בעריהמטע פריידענקער האבען ניט געקענט איבערצייגען מיט ארגומענטען, דאס איבערצייגט די מלחמה מיט פאקטען. אין יעדען לאנד בעט מען דעם זעלבען גאט, ער זאל העלפען בעזיעגען דעם שונא; דאס הייסט, ער זאל העלפען אויסשלאכטען צעהנדליגער טויזענדער מענשען. קייזער ווילהעלם נעהמט ניט א שריט אהן גאט — זיין גאט! זיינע ארמעען זיעגען מיט גאט'ס כח. אין ענגלאנד האט מען א גאנצען טאג געבעטען גאט פאר א זיעג איבער די גערמאנישע און טערקישע חילות; בעסער געזאגט: איבער ווילהעלם'ס גאט. די רוסישע ארמעען טראגען די היילינע בילדער אין סאמע פראנט. דארט גלויבט מען זיכער, אז אויב עס קען ווער העלפען רוסלאנד אין איהר איצטיגער לאגע (נידערלאגע) איז דאס טאקע נור „איין גאט אין הימעל". אין דייטשלאנד איז אנגענומען געווארען א נייער נאציאנאל ווערטעל — „גאט שטראפע ענגלאנד!" דארויף האט א זשורנאליסט פארגעשטעלט גאט ווי ער געפינט זיך אין א פערלעגענהייט און ווייסט ניט וועמען פריהער צו שטראפען. „מיינע קינדער, דארט אויף דער בלוטיגער ערד", טראכט ער זיך וויצענדיג אין זיין הימלישען פאלאץ, „מוזען מיינען אז איך האב קיין אנדער זאך ניט צו טהאן ווי נור אויסהערען און פאלגען זייערע עצות". נאך דער מלחמה וועט זיין צייט צו פרעגען: וויפיעל געטער האט איהר, איהר נארישע, היפאקריטישע פעלקער פון אייראפא?"

ווי אזוי האבען די פעלקער געקענט זיך בעפרייען פון די דאזיגע פערלעגערטע סחורות פון פאלשקייט און צביעצטווע, וואס האבען פערוואלקענט זייערע מוחות, פערבלענדט זייערע אויגען און געשטערט זיי צו לעבען מיט אמת און יושר? שעהנע מאראלישע און רעליגיעזע

# די מלחמה און די פערווירקליכונג פון ארבייטער־אידעאלען

פון א. ראזובורי.

פאר׳א־יאהרען אין דער צייט זיינען די וועלבסט־גענאנטע נביאים געווען שטארק פערנומען. יעדער וואס האט געהאט א שטיקעל פערדרוס אויף סאציאליסטען און ראדיקאלען האט מיט גרויס־הנאה געזעהן, אין זיין איינענער פאנטאזיע, דעם סוף פון אלע ראדיקאלע בעוועגונגען. א סימן — אט האבען דאך די אינטערנאציאנאליסטען פון יעדען לאנד אוועקגעווארפען זייער ברידערליכקייט און אנגעטהאן ראנצעס, גענומען ביקסען אויף די פלייצעס און געגאנגען שיסען זייערע ברידער. די שונאים פונ׳ם אנדערען לאגער!

דער ארגומענט איז אמת געווען א שטארקער. ווייל וואס דארף מען א בעסערען בעווייז ווי דער, אז דייטשע און עסטרייכישע גענאסען זיינען זיך פאנאנדערגעגאנגען פון די פראנצויזישע, ענגלישע, בעלגישע און איטאליענישע גענאסען און פראקטיש אויפגעלעזט די אינטערנאציאנאלע ארגאניזאציאן!

נו, האט די צייט בעוויזען, אז טראץ דעם, וואס די מלחמה האט אריינגעדרונגען אויף אינ׳ם סאציאליסטישען לאגער, האלט עס פאר קיין פאל ניט אזוי שלעכט, ווי עס האט זיך די זאגענאנטע נביאים אבגעראכט אין זייער רייכער פאנטאזיע.

עס איז שוין א מאל געזאגט געווארען (אין דעם לעצטען מאי נומער פון דיעזען זשורנאל), אז די איצטיגע מלחמה ווירקט אויף דעם זעלבען אופן ווי א גרויסע סאציאלע רעוואלוציע. מיט דעם קראכען פון קאנאנען, מיט דעם אויסלעשען פון מיליאנען מענשליכע לעבענס, מיט דער פערניכטונג פון א סך אייגענטום, וואס איז די פרוכט פון פיעלע דורות מענשליכע ארבייט און ענערגיע, ווערען אויך אבגעריינינט און פערברענט א סך פערלעגערטע סחורות, וואס האבען זיך אנגעקליבען ביי דער היינטיגער ציוויליזאציע. א סך פערשימעלטע געדאנקען, אלטע טראדיציעס, אבערגלויבענס, האס און פאראורטייל שפיעלען איצט אויס זייער לעצטען טרומף אין דער גאנצער וועלט און ניט נור אין די מלחמה־לענדער.

עס איז טאקע צום בעדויערען, אז די מענשליכע נאטור זאל פערלאנגען אזעלכע שרעקליכע קרבנות, איידער זי קען זיך אביסעל אויסלייטערען און אויסעדלען. אבער דאס איז איינע פון יענע נאטור־סודות, וואס דער מענשליכער מארך וועט אפשר קיינמאל ניט דערגעהן. א גרויסע, פירכטערליכע ערד־ציטערניש פערטרייבט די וואסערען פון ניט־טיעפע ערטער און דעם אקעאן און בריינגט ארויס נייע אינזלען און נייע לענדער. א גרויסער רעגען־שטורם וואשט די גאסען און רייניגט די לופט. א פיבער איז א סארט מלחמה אין דעם מענשליכען בלוט: צוויי מחנות מיקראבען פיהרען אן א קאמפף אויף טויט און לעבען, און ווען דער שונא ווערט בעזיעגט, ווערט דער מענש נאך דער פיבער־קראנקהייט בענייעט און ערפרישט מיט נייע כחות.

די פראנצויזישע רעוואלוציאן האט אבגעריינינט א סך רעליגיעזע און פאליטישע שימעל פון מיטעל־אלטער און אנגעהויבען א נייע צייט מיט נייע אידעען אין דער אייראפעאישער געזעלשאפט. און וואס יענע רעוואלוציאן האט ניט פערענדיגט, דאס וועט די איצטיגע מלחמה צו שטאנד ברייגגען. דעמאלט איז ניט געווען די שעת הכושר: די אינדוסטריע איז ניט געווען ענטוויקעלט און דאס פאלק איז געווען אונוויסענד, שרעקליך „בעזנראמטעגע“.

אט אזוי ארבייט די נאטור — דורך בלינדע, אונפערשטענדליכע קרעפטען — און מאכט אונז, מענשען, א סך מאל צום נארען. אבער זי ערריייכט א געוויסען צוועק. מיר שטוינען, קריטיקירען און ביזערען זיך אויף דעם אדער יענעם צד אין דער איצטיגער מלחמה. מיר זאגען, אז זיי זיינען אלע דארט משוגע געווארען, האבען פערלארען זייער קלארען שכל. אבער ווען די מלחמה וועט זיין געענדיגט וועט די וועלט זיכער זיין געלייטערט און געדעלט. עס וועט הערשען מעהר ברידערליכקייט און גרעסערע פריינדשאפט צווישען די נאציאנען. עס וועט זיין א בעסערע וועלט. די מלחמה וועט אונדירעקט העלפען פערווירקליכען ארבייטער אידעאלען. זי

זאָגען: זי וועט מן הסתם אָבצאָהלען. אָבער צו וואָס לוינט איהר דער גאַנצער עסק?

אָט האָט רוסלאַנד, למשל, פערלאָרען גאַנץ פוילען — א צעהנטעל פון איהר גאַנצער טעריטאָריע. אמת, זי איז נאָך גרויס גענוג. אָבער צו וואָס לוינט איהר נאָך אזא שאָדען אין דער צוקונפט?

אָט האָט דייטשלאַנד, למשל, פערלאָרען אלע קאָלאָניעס אין סאוטה־וועסט אפריקא און אין כינא. אמת, זי האַלט איצט גאַנץ פוילען, בעלגיען און א שטיק פראַנקרייך. עס איז אָבער ניט זיכער צי מען וועט איהר לאָזען די טעריטאָריע האַלטען. און וואָס וועט טאַקע זיין, אז די קריעגס־כוואַליע וועט נעהמען לויפען צוריק? קריעג איז דאָך אזא אונזיכערע זאַך! וואָס לוינט איהר אין דער אמת'ן נאָך אזא עסק אין דער צוקונפט? וועלען ניט די קלוגע דייטשען שטענדיג פרעגען אָט די דאָזיגע קשיה?

נאָך מעהר. וואָס מעדר עס ענטוויקעלט זיך די אינדוסטרי, וואָס ווייטער די וועלט פראָגרעסירט אין ערפינדונגען, אלץ מעהר אונמעגליך וועט זיין צו פיהרען אזא מלחמה אין דער צוקונפט. וואָס שטאַרקער עס וואַקסט דער בעגריעף, אז יעדע נאַציאָן איז בלויז א רעדעל אין דער גרויסער וועלט־מאַשין, אלץ מעהר וועט מען מוזען איינזעהן, אז אָרגאַניזאַציאָן און קאָאָפעראַציאָן אין נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע אינדוסטרי קען ברייננען א סך ברכות, בשעת קאָנקורענץ און מלחמה ברייננען לויטער קללות און ליידען.

אָרגאַניזאַציאָן און אינדוסטרי זיינען די צווייי גרויסע ווערטער פון דער צוקונפט. די ארבייטער האָבען מיט דיעזע צווייי פאַקטאָרען זעהר פיעל צו טהאָן. די רעגיערונגען זעהען דאָס איין שוין היינט און זיי וועלען דאָס איינזעהן מיט א שטאַרקערער איבערצייגונג נאָך דער מלחמה. דאָס הייסט, אז מיר דערנעהענטערען זיך צו א צושטאַנד פון דעמאָקראַטישע אינדוסטרי. שוין היינט, אין מלחמה־צייט, מוזען זיי אומגעהן מיט די ארבייטער עדעל און געלאַסען. זיי קענען ניט און טאָרען ניט איינרייסען מיט זיי. נאָך דער מלחמה וועט די לאַגע ווערען גינסטיגער פאַר די ארבייטער און קיין אנדער אויסוועג וועט ניט זיין פאַר די נאַציאָנען ווי שטעלען די ארבייטער אויף א העכערען שטאַנד — געבען זיי א פאָלשטענדיגע דעה אין דער אינדוסטרי; געבען זיי ניט נור פאָליטישע פרייהייט, נור אויך אינדוסטריעלע פרייהייט.

שוין איצט קען מען זעהן ווי די וועלט הויבט זיך אָן צו רעאָרגאַניזירען אויף גאַנץ נייע, אינדוסטריעלע, פינאַנציעלע און דעמאָקראַטישע יסודות. זי וועט מוזען אָנגעהן מיט דיעזער רעאָרגאַניזאַציאָן, וויבאַלד זי וועט וועלען עס זאָל הערשען שטענדיגער פריעדען. זי נויטיגט זיך אין רעאָרגאַניזאַציאָן, זי נויטיגט זיך אין שטענדיגען פריעדען, זי נויטיגט זיך אין אן אינדוסטרי, וואָס זאָל געפיהרט ווערען מיט א טאַלק און אָרדענונג.

וועלען די ארבייטער איינזעהן זייער געלעגענהייט? אַלע איצטיגע סימנים צייגען, אז די ארבייטער וועלען ניט צוריק שטעהן; אז זיי וועלען זיך ניט לאָזען טערשקלאָפען, אין פאַל די קאַפּיטאַליסטען און רעגיערונגען וועלען דאָס זוכען צו טהאָן. אַלע איצטיגע סימנים צייגען, אז דער צוקינפטיגער אינטערנאַציאָנאַל וועט בליהען און ברייננען פיעל שעהנערע און רייכערע פרוכט ווי דער אינטערנאַציאָנאַל וואָס איז־אונטערגעגאַנגען דעם 4טען אויגוסט 1914.

אויף דער קאָנווענשאָן פון דער אמעריקען פעדערייּשאָן אָוו לייבאָר, וואָס עפענט זיך אין סען פראַנסיסקאָ דעם 8טען נאָוו. וועט פאָרגעבראַכט ווערען א קאָרעספּאָנדענץ וואָס די פעדערייּשאָן האָט געפיהרט מיט די פאָרגעטטע פיהרער פון דער געווערקשאַפטליכער בעוועגונג אין דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער. פון די בריעף שיינט ארויס דער אַלטער גליעהענדער פונק פון אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט. דיעזער פונק וועט זיך צופלאַקערען אין א גרויסען פלאַם נאָך דער מלחמה. עס בעוויזט, אז די ארבייטער שטיצען די מלחמה אין יעדען לאַנד, ווייל זיי האָבען ווירקליך קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט.

רשות האָבען, װי עס װייזט אויס, װעניג געהאָלפען. דער שערן־קלינגענדער מוסר אין די קירכען געגען בלוט־פערגיסונג, געגען ציהען דעם שװערד, געגען מאָרד און ברודער־קריעג האָט שעהן געקלונגען אויף דער ביהנע. אין די קינדער־שוהלען האָט מען געלערענט א גאַנץ אנדער לעהרע. אין פראַקטיקע האָט מען געבויט ארסענאלען און געגריים זיך צו מלחמה, און װען די צייט איז געקומען, האָט מען אָט דער גאַנצער הייליגער לעהרע ארויסגעשטעלט א גרויסען פייג. און גאָט קעמפפט, װי נאפאָלעאָן האָט געזאָגט, „אויף דער זייט פון די גרעסטע באטאליאָנען, װאָס האָבען די מייכטע װאפען און אמוניציע".

די אייראָפּעאישע געזעלשאַפט האָט זיך גענויטיגט אין א שטאַרקען מיטעל, א גרינדליכע אָפּעראַציע, אום אװעקצושניידען די גאַנצע װילדפלייש װאָס איז אָנגעװאַקסען אויף איהר קערפּער. אין דער ארבייטער־בעװעגונג האָט מען זיך יאָהרען לאַנג פאָרגעשטעלט א בלוטיגע סאָציאַלע רעװאָלוציאָן אזא אָפּעראַציע צו מאַכען. די מלחמה װעט דער ארבייטער־בעװעגונג יעדעלפאַלס פערשפּאָרען א סך ארבייט.

איינע פון די גרעסטע שטערונגען צום מענשליכען פּראָגרעס איז געװען דאָס פינסטערע רוסלאַנד מיט איהרע מיליאָנען רויהע, באַרבארישע מושיקעס. גאָט און דער צאַר האָבען רעגיערט איבער זייער גאַנצען לעבען און פאַר גאָט און דעם צאַר זיינען זיי בערייט געװען צו ליידען נוים, דחקות און אַלערליי יסורים. די מלחמה װעט עפענען די אויגען זאָגאַר פון די מושיקעס. נאָך דער מלחמה װעט אפילו רוסלאַנד האָבען א גאַנץ אנדער פּנים. זי װעט װערען פרייער, ציװיליזירטער און פּראָגרעסיװער. דאָס אַליין װעט זיין א בעדייטענדער שריט פאָרװערטס.

* * *

די פאַנטאזיע פון די דערמאָנטע נביאים, װען די מלחמה האָט אויסגעבראָכען, איז געװען, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע ארבייטער בעװעגונג איז געבראָכען, װייל די ארבייטער פון יעדען לאַנד קעמפפען געגען די ארבייטער פון שונא'ס לאַנד. דערמיט איז אָבער נור חרוב געװאָרען די פאַרמע פונ'ם בידאהערינגען אינטערנאַציאָנאַל. די מלחמה אַליין, דערמיט װאָס זי האָט ארומגעכאַפּט אזוי פיעל נאַציאָנען, װעט ארויסברייגנען א נייעם אינטערנאַציאָנאַל, װאָס װעט זיין שטאַרקער און געזינטער.

יעדע פון די גרויסע מלחמה נאַציאָנען שטרעבט צו א שטענדיגען פריעדען — א פריעדען װאָס זאָל מאַכען נאָך אזא מלחמה אונמעגליך אין דער צוקונפט. אזא פריעדען קען נור געשלאָסען װערען, װען די נאַציאָנען װעלען זיך נעהענטער פערבינדען אדער פעדערירען; נור דאַן װען זיי װעלען אנערקענען, אַז אַנשטאַט איבערצויאָגען איינע די אַנדערע אין פערכאַפּען קאָלאָניעס און אויסלענדישע מאַרקעטס; אַנשטאַט צו בעקעמפּפען איינע די אַנדערע דורך גרויסע טאַריפען און האַנדעלס־שניידענדע קאָנקורענץ, איז לייכטער צו שליעסען אַן אינטערנאַציאָנאַלען אָבמאַך און רעגולירען זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסען אויף א פריעדליכען אופן. דאָס װעט זיי ברייגנען איינצוזעהן, אַז קאָאָפּעראַציאָן ברייגנט מעהר פּראָפיט איידער קאָנקורענץ. עס איז שװער צו זעהען װי אַנדערש עס קען עקזיסטירען שטענדיגער פריעדען. דער גאַנצער גאַנג פון דער מלחמה איז אין דיזער ריכטונג און דאָס אַליין װעט זיין א גרויסער שריט פאָרװערטס.

װען די נאַציאָנען װעלען זיך אויסניכטערען פון זייער איצטיגען האַס און פּאַטריאָטישען פיבער, מוזען זיי דאָך אָנערקענען דיעזען איינפאַכען אמת. אמת טאַקע, די דייטשען, למשל, זיינען קלוגע העלדישע מענשען; אמת טאַקע, די ענגלענדער און פראַנצויזען זיינען בראַװע, ביטערע יונגען. אָבער צי דען מוז מען דוקא אזעלכע ניצליכע מעלות אויסנוצען אויף רשעות; צי דען מוז מען פערברייגנען אַלע יאָהרען אויף פאַבריצירען אמוניציע און מאָרד־מאַשינען! איז נים גלייכער אָנצואװענדען די דאָזיגע מעלות אויף אויסבעסערען און אויספיינערען די װעלט און ארבייטען פאַר דעם גליק פון דער מענשהייט! עס איז נים שװער איינצוזעהן, אַז קלוגע מענשען װעלען זיך פריהער אדער שפּעטער כאַפּען, אַז זייערע איצטיגע האַנדלונגען זיינען גאַלע משוגעת. און דער אויסגאַנג פון דער מלחמה װעט זיין אזוי ביטער פאַר אַלע מלחמה־נאַציאָנען, אַז דער פאַקט אַליין מוז זיי עפענען די אויגען.

אָט מוז, למשל, די שטאָלצע און רייכע ענגלאַנד, פיליכט די רייכסטע לאַנד אין דער װעלט, בעטען א הלואה ביי אָנקעל סעם. װאָס איז? זי און איהרע שותפים צום מלחמה־געשעפט דאַרפען האָבען נים װעניגער פון 36 מיליאָן דאָלאַר א טאָג אויף הוצאות. שייך צו

געזעצליכע פאלמאכט. ער האט זיי געמאכט פאר א סארט פאליציי.

איידער די מערדעריי אין לודלאו איז פארגעקומען, דעם 25טען אקטאבער 1913, איז איינער פון דיעזע בויאנעס, מיט'ן נאמען דזשאהן נימא, נע'הרג'עט געווארען אין א געשלעג אין לודלאו. און דערפאר איז לאוסאן לעצטענס פערורטהיילט געווארען צו געפענגניס. עס קען קלאר בעוויזען ווערען דורך עדות, אז לאוסאן האט אין דיעזען געשלעג קיין שום טהייל ניט גענומען.

נאך דער מערדעריי פון די פרויען און קינדער אין לודלאו, איז געזעצט געווארען א גרענד־דזשורי אין טרינידעד. "עס איז כדאי צו בעמערקען, אז דעם „קאראנערס דזשורי", וואס האט אונטערזוכט די טויטע קערפערס פון די ערמארדעטע פרויען און קינדער, כדי פעסטצושטעלען די אורזאכען פון זייער טויט, האט אפיציעל בעשולדיגט די קוילען־קאמפאניעס אין דיעזען שווידערליכען פערברעכען. דאך איז קיין איינציגער באס אדער געוועזענער בויאן ניט אינדייטעד געווארען. אנשטאט דעם האט די גרענד־דזשורי צוזאמענגעשטעלט א בעשולדיגונגס־אקט געגען א גרויסע צאהל קוילענגרעבער. אין אנדערע ווערטער: די גרענד־דזשורי האט בעשולדיגט בלויז די מיינערס און אין גאנצען ריין־געוואשען די באסעס. און ביז היינט צו טאג איז קיינער פון די באסעס, אדער זייערע דיענער, ניט בעשולדיגט געווארען אין דעם געפלאנטען גרויזאמען מארד פון פרויען און קינדער, וואס האבען פערלארען זייער לעבען אין לודלאו.

ווען דער בעשולדיגונגס־אקט איז ארויסגעגעבען געווארען, האבען די לאיערס פון דער יונייטעד מיין־וואירקערס אריינגעגעבען פארמאלע טענות געגען דער האנדלונג פון דער גרענד־דזשורי. זיי האבען פערלאנגט, אז די בעשולדיגונג זאל בטל ווערען צוליעב פאלגענדע אורזאכען: זיי האבען צוגעשטעלט געשווארענע בעווייזע, אז דער שעריף האט די באסעס ערלויבט צו נאמינירען און אויסקלייבען די מיטגליעדער פון דער גרענד־דזשורי — לייטע וואס זיינען שטארק פארטייאיש צו די קאמפאניעס, דהיינו: זייערע אנגעשטעלטע און בעצאהלטע דיענער; זייערע געוועזענע „דעפּיוטי שעריפס", וואס האבען זיך אליין בעטהייליגט אלס סטרייק־ברעכער אין די רציחות אויף די ארביי־טער און האבען זיך נאכהער בעריהמט, אז זיי האבען סטרייקערס דער'הרג'עט. עס איז אויך געציינט געווארען אין די טענות, אז דער ריכטער פון קאורט האט ערלויבט דעם שעריף אויסצוקלייבען די דזשורי־לייט, אנשטאט וואס זיי זאלען געזעצליך גענומען ווערען פון א געוויסער ליסטע. הייסט עס, אז דער שעריף, בשותפות מיט די באסעס, האבען צוזאמענגעשטעלט די גרענד־דזשורי און דערפאר איז ארויסגעגעבען געווארען א בעשולדיגונגס־אקט געגען די מיינערס און די באסעס זיינען ארויס ריין.

דיעזע ערשטווינענדע טענות האבען די לאיערס פאר די באסעס ניט אבגעשטריטען. דער הויפט לאיער פאר די קאמפאניעס האט צוגעשטעלט א שריפט, וואס איז אונטערשריעבען געווארען פון איהם און דעם פראקוראר פון קאלאראדא, אז אפילו ווען די טענות פון דער יוניאן זיינען אמת, גיבען זיי ניט קיין גרונד בטל צו מאכען די בעשולדיגונג געגען לאוסאנ'ען. דער פראקוראר אליין האט אלזא בעשטעטיגט, אז די גרענד־דזשורי האט געמעגט „אנגעפאקט" ווערען מיט לייטע וואס האבען לכתחילה געהאלטען פאר די באסעס. אט דיעזע לאגיק איז פארגעבראכט געווארען פאר דזשאדזש באטלער פון דענווער, וועלכער איז אויפגעפאדערט געווארען ארונטערציקוטען אין דעם דיסטריקט פון טרינידעד און ענטשיידען, אויב די טענות פון דעם יוניאן צו זיינען גילטיג. דער פראקוראר און די באסעס זיינען געווארען אויסער זיך הערענדיג ווי דזשאדזש באטלער האט אנגענומען די טענות פון דער יוניאן. ער האט נע'פסק'נט, אז דער לאיער פאר די באסעס מוז דיעזע טענות שריפטליך אבשטרייטען, ואנסט מוז לאוסאן בעפרייט ווערען.

לאמיר דא ביילויפיג בעמערקען, אז די דאזיגע רעדעל־פיהרער פון קאלאראדא זיינען געווארען אזוי אויפגעבראכט אויף דזשאדזש באטלער פאר דיעזער ענטשיידונג, דאס מען האט איהם מעהר ניט אויפגעפאדערט צו זיין דער פארזיצענדער אין קאורט אין וועלכע עס איז פון די סטרייק־פראצעסען. ווי מיר וועלען שפעטער זעהען, האבען די באסעס צוזאמען מיט'ן פראקוראר איצט געפלאנעוועט צו קריגען א נייעם דזשאדזש. נאכדעם ווי דזשאדזש באטלער האט ערקלעהרט, אז דער פראקוראר האט אונגעזעצליך געהאנדעלט, ווען ער האט ערלויבט די באסעס אנצופאקען די גרענד־דזשורי מיט

# א קורצע היסטאריע פון דעם לאהסאן פראצעס

פון וויליאם דייאמאנד

(אפיציעלער סטאטיסטיקער פון דער יונייטעד מיין וואירקערס אף אמעריקא)

(רעדאקציאנס בעמערקונג.—איצט, אז דער מארד־בלבול אויף אונזערע 7 בעאמטע און מעמבערס איז טיאוס דורכגעפאלען, און די ארבייטער־בעוועגונג פרעהט זיך מיט זייער בעפרייאונג, איז כדאי צו פעראינטערעסירען זיך מיט ענליכע משפטים אין דער גרעסטער יוניאן אין אמעריקא. דער אונגערעכטער, היסטעריש־ווילדער אורטהייל אויף לאוסאנ׳ען האט אויפגערודערט דאס גאנצע לאנד. אין ביידע ערטער זעהן מיר דעם מיזועל׳ס שפיעל פון פינסטערע עלעמענטען. דא ביי אונז, פונקט ווי דארט ביי די מיי־נערס, האבען ראבע־גיזע׳ר׳ינג באסעס זיך פעראייניגט מיט די נידריגסטע ברואים אום צו געבען דער יוניאן א טויט־קלאפ.

לאוסאן איז ארויסגעלאזען געווארען אויף 35 טויזענד דאלאר בייל במשך אין דער זעלבער צייט ווען אונזערע ברידער זיינען ערקלערט געווארען פאר נים שולדיג.)

דזשאהן ר. לאוסאן, וועלכער איז פעראורטהיילט געווארען צו לעבענסלענגליכע געפיינגניס פון דזשארדזש גרענבי הילליער, אין טרינידער, קאל., איז געבוירען געווארען אין פענסילווייניא, אין 1871. ער איז דער זוהן פון א קוילענגרעבער. ער איז אלט געווען בלויז 8 יאהר, ווען ער האט אנגעהייבען ארבייטען אין די מינען און צו צעהן יאהר איז ער שוין געווען א פאלשטענדיגער קוילענגרעבער. ער האט גע־ארבייט אין פערשיעדענע געגענדען. אין 1905 איז ער ערוועהלט געווארען אלס א מעמבער פון דער אינטערנעשאנאל עקזעקוטיוו באארד פאר דעם דיסטריקט פון קאלאראדא, ניו מעקסיקא און יוטא. ער איז די גאנצע צייט געבליבען אין דיזען אמט, ווייל ביי יעדען וואהל איז ער פון דאס ניי ערוועהלט געווארען.

איידער עס האט אויסגעבראכען דער סטרייק אין זיד־קאלאראדא, אין סעפטעמבער 1913, האבען די ארבייטער פון דעם געגענד ערוועהלט א „פאליסי" קאמיטע, וואס איז בעשטאנען פון פרענק העיס, א וויס־פרעזידענט פון דער מיי־נערס יוניאן; דזשאהן מעקלענאן, דער פרעזידענט פון דער קאלאראדא סטייט פעדערייישאן אוו לייבאר; עדיוארד דאיל, דער סעקרעטער־טרעזשורער פון דעם 15טען דיסטריקט פון דער מיינערס יוניאן, און דזשאהן ר. לאוסאן. איי־ניגע וואכען צייט האט די קאמיטע זיך אנגע־שטריינגט אבצוהאלטען א קאנפערענץ מיט ראקעפעלער׳ס קוילען קאמפאני און די איבריגע קאמפאניעס, וואס האבען זיך אלע פעראייניגט, אום צו ווידערשטעהן דער פערלאנג פון די מיי־נערס פאר בעסערע ארבייטס־קאנדיציאנען. אבער זייער מיה איז געווען גאנץ אומזיסט. די פעראייניגטע קאמפאניעס האבען אפילו ניט גע־וואלט צונויפקומען מיט די פערטרעטער פון די ארבייטער אום זיך דורכצורידען. פראמינענטע כלל־טהוער און שטאאטס־בעאמטע האבען אפע־לירט צו די באסעס אבצוהאלטען א קאנפערענץ, אבער די באסעס האבען דערפון ניט געוואלט הערען. די מיינערס האבען אלזא קיין ברירה ניט געהאט ווי ארויסצוגעהן אין סטרייק, און דעם 23טען סעפטעמבער 1913 האבען די מיינערס אוועקגעלעגט זייערע כלים און אבגעשטעלט די ארבייט.

די הייזקעס, אין וועלכע די מיינערס האבען געוואוינט, האבען בעלאנגט צו די באסעס; האט מען זיי גלייך ארויסגעטריבען פון זייערע ארימע היימען, און זיי האבען געמוזט מאכען זיך גע־צעלטען אין דער פרייער לופט, וואו זיי האבען געוואוינט מיט זייערע פרויען און קינדער. א קאלאניע פון אזעלכע געצעלטען איז געווען אין לודלאו. דעם 20טען אפריל 1914 האבען זיך די געדונגענע וועכטער פון די מיינס פארשטעלט אלס מיליץ און בעפאלען און אונטערגעצונדען דיזע געצעלטען־קאלאניע, וואו א צאהל פרויען און קינדער זיינען פערברענט געווארען אדער דערשטיקט געווארען צום טויט.

ווען די מיינערס זיינען ארויס אין סטרייק, האבען די פעראייניגטע קוילען קאמפאניעס אראבגעבראכט פראפעסיאנעלע שיסער פון גאנץ יונייטעד סטייטס, דארונטער אויך סטרייק־ברעכער פון דער באלדווין־פעלטס סקעב אגענ־טור. זיי האבען זיי בעוואפענט מיט מאשין־ביקסען און רעוואלווערן. דער שעריף פון דעם געגענד האט דיזע בויאנעס, וואס זיינען געווען געדונגען און בעצאהלט פון די באסעס, נעגעבען

„רעפיוטי שעריפס", בעצאהלטע פון די באסעס און דיעזע פערביסענע שונאים פון די סטרייקערס האבען גערארפט די אנגעקלאגטע משפט'ן. דער לאיער פון דער קאמפאני האט ביי דעם נייעם פראצעס געשפיעלט א גרויסע ראלע. ער האט ניט צוגעלאזט פרעגען ביי די דזשורי־לייט די פראגע: „ווען זיי וואלטען ביי זיך אין הארצען געהאט דעם מינדסטען ספק וועגען די שולדיגקייט פון די אנגעקלאגטע, וואלטען זיי געהייסען זיי פריי שפרעכען?" ווען אט די פראגע וואלט ערלויבט געווארען, וואלט זיך ארויסגעצייגט, אז מעהרערע פון די נייע דזשורי־לייט האבען געפיהלט אזא)האס צו די אנגעקלאגטע, דאס זיי וואלטען זיי פערלייקענט דיעזען רעכט וואס די קאנסטיטושאן פון לאנד גיט יעדען מענש. הילליער האט נאטירליך ניט צוגעלאזט פרעגען די פראגע ביי די דזשורי־לייט. ער האט אויך צוריקגעוויזען די פראגע פון דער פערטהיידיגונג ביי איינינע פון די דזשורי־לייט, צי זיי האבען זיך פערזענליך בעטהייליגט אין געשלעגען צווישען די מיינערס און די מינען־וועכטער. עס זיינען צוגעשטעלט געווארען געשווארענע בעווייזע צום ריכטער, אז איינער פון די דזשורי האט זיך פאראויס געוועט אין געלד, אז ער וועט הייגען די אנגעקלאגטע אדער די דזשורי. אבער טראצדעם וואס היעזע בעווייזע זיינען ניט ווידערשפראכען געווארען, האט הילליער די פראגען צוריקגעוויזען. זיין שטעלונג ערקלעהרט זיך דערמיט, דאס ער אליין איז געוועזן אין דער פערשווערונג פון די קוילען־באראנס צו פערפאלגען די מיינערס און האט אלזא ניט געקענט זיין אן אונפארטייאישער ריכטער. דער סוף איז געווען, אז זאנקאנעלי איז פערורטהיילט געווארען.

ביי דעם משפט פון דזשאהן ר. לאוסאן האט די פערטהיידיגונג קודם כל פערלאנגט, אז די קלאגע געגען איהם זאל דייטליך אנגעגעבען ווערען; דאס הייסט: בעשולדיגט מען איהם, אז ער האט טאקע אליין דער'הרג'עט דזשאהן נימסא, אדער, אז ער האט צוזאמען מיט אנדערע געמאכט א פערשווערונג געגען נימסא'ס לעבען? אין דעם בעשולדיגונגס־אקט ווערען דאך גאר קיינע איינצעלהייטען ניט אנגעגעבען! הילליער האט דיעזען פערלאנג צוריקגעוויזען און געשטעלט לאוסאנ'ען צום געריכט אהן איהם מודיע צו זיין אין וואס זיין פערברעכען איז ווירקליך בעשטאנען.

לאוסאן האט דאן פערלאנגט, אז די גאנצע דזשורי זאל גע'פסל'ט ווערען צוליעב איהרע פאראורטהיילע און דערפאר וואס זי איז ניט ריכטיג צוזאמענגעשטעלט געווארען. הילליער האט דיעזען פערלאנג צוריקגעוויזען. לאוסאן האט דאן ווידער פערלאנגט, אז די קאורט זאל אויסקלייבען א דזשורי פון די 200 נעמען, וואס זיינען צוגעשיקט געווארען פון די „קאונטי קאמישאנערס". הילליער האט דיעזען פערלאנג צוריק געוויזען.

דער פראצעס האט זיך אנגעפאנגען דעם 21טען אפריל 1915. די פערטהיידיגונג האט געזעצליך פערלאנגט, אז דער פראצעס זאל אבגעלעגט ווערען. זי האט בעוויזען מיט ראיות, אז לאוסאן קען בשום אופן ניט זיין צוגעגריים, דערפאר וואס ער האט זיך דערוואוסט ערשט איינינע טעג פריהער, אז א גרויסע צאהל מינען־וועכטער, בעצאהלטע פון די באסעס, וועלען עדות זאגען געגען איהם. עס איז בעוויזען געווארען, אז ער האט ניט געהאט קיין געלעגענהייט צו אונטערזוכען דעם כאראקטער פון די עדות אדער פון וואנען זיי קומען. הילליער האט דיעזען פערלאנג צוריק געוויזען.

עס איז ניט געווען קיין בעווייזע געגען לאוסאנ'ען און א ריכטיג־אויסגעקליבענע דזשורי וואלט איהם ניט געהאט פארוואס צו פערורטהיילען. אפילו אט די דאזיגע דזשורי האט לכתחלה ניט געקענט זיך איינינען, און ערשט דאן האט זי זיך געאייניגט אויף „שולדיג", ווען מען האט געסטראשעט צו האלטען איהר פערשלאסען אהן עסען ביז וואנען זי וועט זיך איינינען.

די מייסטע עדות געגען לאוסאנ'ען האבען אין גאנצען זיין נאמען ניט דערמאהנט און האבען זיך אפילו צו איהם דירעקט ניט בעצויגען. די איינציגע עדות וואס האבען איהם בעשולדיגט, זיינען געווען צוויי שוואגערס, שפיאנען פון דער באלדווין־פעלטץ אגענטור. זיי האבען צוגעגעבען, אז די באסעס האבען זיי געצאהלט שכירות בשעת זיי האבען געזוכט בעווייזע געגען לאוסאנ'ען. איינער פון זיי האט זיך מודה געווען, אז ער איז געזעסען אין געפענגניס פאר פעלשען. דער אנדערער האט זיך דעסטגלייכען מודה געווען, אז ער האט פערלאנגט לא יחרץ געלד פון די יונייטעד מיין וואירקערס און אז לאוסאן האט ניט געוואלט געבען, טראצדעם וואס ער האט איהם געסטרא־

זייערע לייטע, האָבן זיי צוגעשטעלט א כלומרש'דיגע אָבשטרייטונג פון די דערמאָהנטע טענות. לויט געזעץ האָט לאָוסאָן געהאַט דאָס רעכט צו פאָדערן, אַז די אָנגעגעבענע פאַקטען אין דיזער אָבשטרייטונג זאָלען אויסגעהערט ווערען אין קאָורט. אָבער דער פּראָקוראָר און זיין חבר, דער לאָיער פאַר די באָסעס, האָבן לאָוסאָנ'ען קיין געלעגענהייט ניט געגעבען צו בעווייזען די ריכטיגקייט פון זיינע טענות. וואָס האָבן זיי געטהאָן? זיי האָבן כלומרש בטל געמאַכט די בעשולדיגונג געגען לאָוסאָנ'ען; האָט לאָוסאָן, אַלזאָ, ניט געקענט צושטעלען זיינע בעווייזע. זיי האָבן אָבער גלייך דאַרויף געבראַכט דיזעלבע בעשולדיגונג געגען איהם אויף דאָס ניי. דיזע נייע בעשולדיגונג איז בעשטאַנען אין א פשוט'ע שריפטליכע ערקלערונג, אַז לאָוסאָן האָט בעגאַנגען דעם פערברעכען. די ערקלערונג איז געווען אונטערגעשריעבען פונ'ם פּראָקוראָר און בעשטעטיגט מיט דער שבועה פון איינעם פון די „דעפּיוטי שעריפס", וואָס האָט זיך בעטהייליגט אין די געשלעגען, און איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אין קאָורט דעם 13טען פעברואַר, 1915.

אין א קורצע צייט אַרום האָבן די קוילען־באָסעס געפּועל'ט ביים גאָווערנאָר צו זעצען נאָך א ריכטער פאַר דעם דריטען דיסטריקט, און ער האָט געזעצט דושאַרדש גרענבי הילליער. דעם 8טען מאַרטש איז הילליער געקומען נאָך טרינידעד אויסהערען פּראָצעסען. אזוי ניך ווי ער האָט געמאַכט זיין ערשטע ערשיינונג אלס ריכטער, האָט לאָוסאָן דערלאַנגט א געשוואָרענע פּעטיציע אין וועלכער עס איז ערקלעהרט געוואָרען, אַז הילליער איז געווען איינער פון די לאָיערס, וואָס די פעראייניגטע קוילען־באָסעס האָבן בעשעפטיגט צו פערפאָלגען די סטרייקערס. א גרויסע צאָהל בירגער האָבן דיזע בעהויפּטונג בעשטעטיגט דורך שריפטליכע געשוואָרענע בעווייזע. עס איז אויך אָנגעגעבען געוואָרען, אַז חוץ דעם וואָס הילליער פלעגט קומען אין קאָורט אלס דער אָנקלעגער פון די באָסעס געגען די סטרייקערס, איז ער אויך א פערביטערטער געגנער פון די סטרייקערס. ניט איינמאָל האָט ער אָפען ערקלעהרט, אַז די סטרייקערס זיינען באַנדיטען, וואָס פערדיענען ניט מען זאָל זיי געבען די פּריווילעגיע פון בעווייזען זייער אונשולד, ווען מען אַרעסטירט זיי; און ווידער, אַז הילליער האָט בעקומען א גרויסע סומע געלד פון די באָסעס; אַז ער איז קיינמאָל ניט אָנגעשטעלט געוואָרען פון אירגענד וועלכער אָבטהיילונג פון דער שטאַאַט־רעגיערונג צו פערפאָלגען די מיינערס אין קאָורט, זאָנדערן, אַז ער איז פשוט געווען א געדונגענער לאָיער פאַר די קוילען־קאָמפּאַניעס. דאָס געזעץ פון קאָלאָראַדאָ לויטעט קלאָר און דייטליך, אַז ווען עס ווערען צוגעשטעלט אַזעלכע „אַפּידייוויטס", פערליערט דער ריכטער דאָס רעכט צו משפּט'ן און מוז אַריינרופען אַן אַנדער ריכטער. דאָס האָט אָבער ניט אָבגעהאַלטען דושאַרדש הילליער פון צוריקווייזען לאָוסאָנ'ס ראַיות, אַז ער האָט ניט קיין רעכט צו זיין דער ריכטער, און דעם 9טען מאַרטש, 1915 האָט הילליער אַנאָנסירט, אַז ער וועט אַליין זיין דער ריכטער אין דעם לאָוסאָן פּראָצעס.

דעם 15 מאַרטש האָט הילליער אָנגעהויבען דעם פּראָצעס פון לואיס זאַנקאַנעלי, איינער פון די סטרייקערס. די דזשורי־לייט אין דיזען פּראָצעס זיינען געקליבען געוואָרען אויף דעם געזעצליכען, רעגעלמעסיגען אופן. זייערע נעמען זיינען אָנגעגעבען געוואָרען פון די „קאַונטי קאָמישיאָנערס". דער פּראָצעס האָט זיך געצויגען אַן ערך 10 טעג און האָט זיך געענדיגט דערמיט, וואָס די דזשורי האָט ניט געקענט איינשטימען. די מאַיאָריטעט פון דער דזשורי האָט איהם ערקלעהרט פאַר אונשולדיג.

דער רעזולטאַט פון דיזען פּראָצעס איז די קוילען־באָסעס גאָר ניט געפעלען. זיינען זיי געפאַלען אויף דעם פּלאַן צו קלייבען א דזשורי אויף אַזאַ אופן, אַז די בעשולדיגטע זאָלען מאַקע פעראורטהיילט ווערען. זייער לאָיער איז פשוט פאַרגעקומען פאַר הילליער און פערלאַנגט, אַז די דזשורי זאָל ניט געזעצט ווערען ווי עס פיהרט זיך געוועהנליך ביי יעדען פּראָצעס, נור אַז דער שעריף זאָל האָבן די מאַכט איהר אויסצוקלייבען. אגב לאָמיר ניט פערגעסען, אַז דער לאָיער פאַר די באָסעס האָט דאָ ניט פערטראָטען דעם שטאַאַט אינטערעסען און איז ניט געווען קיין שטאַאַט בעאַמטער — וואָס פאַר א רעכט האָט ער געהאַט צו קומען מיט אַזאַ פּראָיעקט? — עס פערשטעהט זיך, אַז הילליער האָט דעם פּראָיעקט אָנגענומען, טראָצדעם וואָס די פערטהיידיגונג האָט געהאַט דאַגעגען.

גלייך דאַרויף האָט דער דער שעריף געזעצט א דזשורי פון איינגענע מענשען פון די קוילען־קאָמפּאַניעס. צווישען זיי זיינען אויך געווען

אנגעפאַנגען פאַרנעהמען דעם אָרט פון א רעינקאָוט — דער „בעלמעקען גאַרמענט" — א „וואָטערפרוף" איבעררָאק, וואָס ווערט געמאַכט אָהן סעמענטערס, בעסער געזאָגט: א ראָק וואָס קען געמאַכט ווערען פון א געוועהנליכען שניידער.

עס האָט לאַנג ניט גענומען זיך צו איבערציינגען, דאָס די רעינקאָוט טרייד איז אויסגעשפּיעלט. גרויסע און קלענערע שעפּער האָבען אָנגעפאַנגען אין גאַנצען צו מאַנופעקטשורען דעם נייעם סאָרט גאַרמענט. דער רעינקאָוט־מאַכער איז געבליבען אַזוי ווי אָבגעשניטען פון זיין פרנסה. עס איז געוואָרען א פּאַניקע צווישען די אַרבייטער, יעדער איינער איז געלאָפען וואו די אויגען האָבען איהם געיאָגט צו פערדיענען אויף א לעבען ביי אירגענד וועלכע בעשעפטיגונג.

דער לאָקאַל האָט אָבער געהאַט די האָפנונג איינצוהאַלטען די אָפּערייטאָרס אין דער יוניאָן מיט דעם, וואָס דער נייער „וואָטערפרוף" גאַרמענט זאָל קומען אונטער די דזשורישדיקשאָן פון לאָקאַל 20. ביי דער קליוולענדער קאָנווענשאָן האָבען די דעלעגאַטען פון לאָקאַל געקראָגען די ערלויבניס צו בייטען זייער טשאַרטער אויף „וואָטערפרוף גאַרמענט וואָירקערס", אַנשטאָט וואָס עס איז געווען פריהער „רעינקאָוט מייקערס", אונטער וועלכעס מען האָט פערשטאַנען נור „ראַבער גאַרמענטס". צום בעדויערען האָט דער „בעלמעקען גאַרמענט" אויך ניט אָנגעהאַלטען לאַנג, יעדענפאַלס ניט אין די געוועזענע רעינקאָוט־שעפּער, צוליעב דעם וואָס די קלאָרינג מאַנופעקטשורערס און קלאָוק מאַנופעקטשורערס האָבען געהאַט מעהר מעגליכקייט צו פּראָדוצירען דעם גאַרמענט בעסער און ביליגער ווי די רעינקאָוט שעפּער.

דאַן האָט זיך אָנגעפאַנגען א סדרה פון ליידען פאַר די רעינקאָוט־מאַכער. א ביטערער פּלעק האָט געהערשט די גאַנצע צייט. אין טרייד איז געווען בוכשטעבליך טויט ביז מיט א מאָנאַט 3 צוריק. אָבער אַזוי גיך ווי עס האָבען זיך ווידער גענומען צייגען רעינקאָוטס, איז דער קאַמפּפס־לוסט פון די אַרבייטער ווידער ערוועקט געוואָרען.

פון די לעצטע קרעפטען האָט דער לאָקאַל אַנגעשטעלט אַן אָרגאַנייזער און מען האָט אָנגעפאַנגען פאַרצובערייטען די אַרבייטער פאַר א סטרייק, ווייל עס האָט זיך געלייגט אויפ'ן שכל, דאָס די מאַנופעקטשורערס וועלען ניט העכערען די פּרייזען, צופריעדענשטעלענד פאַר די אַרבייטער, אָהן א סטרייק. עס מוז אויך בעמערקט ווערען דאָס דער פּרייז פאַר דער אַרבייט איז שרעקליך געפאַלען. און ווי וועניג אַרבייט עס איז געווען אין די שעפּער, האָבען די באָסעס בענוצט די געלעגענהייט אָראָבצוּוואַרפען די פּרייזען אַזוי נידריג ווי נור זיי האָבען געקענט.

די אַסאָסיאיישאָן באָסעס האָבען זיך אַרויסגעצייגט מעהר ברוטאַל נעגען זייערע אויסגעהונגערטע אַרבייטער ווי די אינדעפּענדענט באָסעס. און דערמיט קען מען ערקלערען וואָרום מיר האָבען ניט געוואָלט מיט זיי קאָנפערירען בשעת די אַרבייטער זיינען געווען ביי דער אַרבייט.

פרייטאַג, דעם 27טען אויגוסט, איז אָבגעהאַלטען געוואָרען א מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באָאַרד פון לאָקאַל. וויס־פּרעזידענט בר. דובינסקי איז אויף דעם מיטינג געווען אנוועזענד. די עקזעקוטיווע האָט זיך געפונען אין א פּערלעגענהייט, דערפאַר ווייל א קאָנפערענץ מיט דער אַסאָסיאיישאָן איז אַראַנזשירט געוואָרען אויף דיענסטאַג דעם 31טען אויגוסט.

מען האָט פערשטאַנען, דאָס קוים וועט דער סטרייק ניט גערופען ווערען אָנפאַנג די קומענדע וואָך, וועט אויסקומען צו רופען דעם סטרייק 4 טעג פאַר יום טוב — א זאַך וואָס וואָלט פאַר דער יוניאָן ניט געטויגט. מען האָט אויך ניט געהאַט די צושטימונג פון די דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָאַרד צו רופען דעם סטרייק. אַלע פון דער עקזעקוטיווע האָבען זיך געווענדעט צו בר. דובינסקי פאַר א ראַטה.

„איך טאָר אָפיציעל דעם סטרייק ניט רופען, זייענדיג א וויס־פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאָנאַל בין איך פערפליכטעט אָבצוהיטען איהר קאָנסטיטוציאָן. נור, אויב מיר רופען ניט דעם סטרייק מאָנטאַג, אויגוסט דעם 30טען, 2 אוהר נאָכמיטאַג, וועט זיין צו שפּעט. שיקט אַרויס פאָדערונגען צו די מאַנופעקטשורערס היינט, פערלאַנגענדיג אַן אַנטוואָרט מאָנטאַג, דעם 30טען אויגוסט, און לאָמיר בעטען וויס־פּרעזידענט לעפקאָוויטץ (דאָן דער פּראָוויזיאָנעלער סעקרעטער פון דער אינטערנעשאָנאַל), דאָס דער קאָנפערענץ מיט דער אַסאָסיאיישאָן זאָל געביטען ווערען אויף מאָנטאַג 10 אוהר אַנשטאָט ווי מען האָט איהם אַראַנזשירט אויף דיענסטאַג, דעם 31טען. דער לאָקאַל וועט אויף זיין איי־

שעט. זיי האבען צוגעגעבען א סך אנדערע שענדליכע מעשים וואס זיי זיינען בעגאנגען. זייער כאראקטער האט זיך ארויסגעוויזען אלס זעהר א מיאוס׳ער. דאך האט מען אנגענומען זייערע ווערטער, אז זיי האבען געזעהן לארכאנ׳ען אין דעם געשלעג, ווען ניממא איז געפאלען.

אין זיינע אינ:טרוקציאנען צו דער דזשורי האט דער דזשאדזש זיך ארויסגעצייגט איינזייטיג און פיינדליך צו לאוסאנ׳ען. די דזשורי איז געזעסען א גאנצען טאג זונטאג, דעם 2טען מאי. מאנטאג מיטאג צייט האט זי זיך, נאך ניט געהאט געאייניגט. און ווען מען וואלט איהר ניט גע:טראשעט צו פערשליעסען, איז זעהר מעגליך, אז זי וואלט קיין אורטהייל „שולדיג" ניט ארויסגעגעבען. נאך דעם ווי מען האט די דזשורי ענטלאסען, האבען אייניגע פון זיי צוגעשטעלט „אפידייוויטס", אז דער „ביילִיף" אליין האט די דזשורי געסטראשעט און אויף פערשיעדענע אופנים געצוואונגען ארויסצוגעבען אן אורטהייל „שולדיג". די פערטהיידיגונג האט די אלע בעווייזע פארגעלעגט פאר׳ן געריכט און געפאדערט א נייעם פראצעס. אבער הילליער האט די בעווייזע צוריקגעוויזען און פעראורטהיילט לאוסאנ׳ען צו לעבענס־ליינגליכע געפענגנים.

אידער דער אורטהייל איז ארויסגעגעבען געווארען, האבען די לאיערס פאר די אנגעקלאגטע מיינערס זיך געווענדעט צו דער סופרים קאורט פון קאלאראדא און פערלאנגט, אז עס זאל הילליער׳ן פערווערט ווערען צו זיין דער ריכטער אין די איבריגע פראצעסען; ווייל לויט דעם געזעץ האט ער דערצו קיין רעכט ניט געהאט. נאכדעם ווי מען האט פערלאנגט, אז דער ריכטער זאל איבערגעביטען ווערען. די סופרים קאורט האט בעוויליגט דעם פערלאנג ביז צום 12טען דזשולי. ווען זי האט געזאלט אויסהערען די טענות דאפיר און דאגעגען. און פונקט יענעם טאג ווען די לאיערס זיינען געווען אין סופרים קאורט, פארלענגענדיג זייערע טענות, האט הילליער צוריקגעוויזען דעם פערלאנג פאר א נייעם טריעל. ער האט איגנארירט די ביטע פון די לאיערס אבצואווארטען ביז די סופרים קאורט וועט ארויסגעבען איהר ענטשיידונג און האט לאוסאנ׳ען פערשפארט אין געפיינגנים.

פון אנפאנג ביז׳ן סוף איז דער פראצעס געווען אונגערעכט צו לאוסאנ׳ען. אבער א הונד וואלט ניט פער׳משפט געווארען אויף אזעלכע בעווייזע. מיט דעם אורטהייל אויף זאנקאנעלי און לאוסאן האט מען פשוט געמיינט צו ווארפען אן אימה אויף די ארבייטער און צו נעהמען ראכע פון די סטרייקערס.

די פאקטען אין דיעזער ערצעהלונג זיינען גענומען פון די אפיציעלע בעריכטען און זיינען ניט א האר איבערטריבען.

# די אויפלעבונג און זיעג פון די רעינקאוט מאכער

די לעזער פון „ליידיס גארמענט וואירקער" זיינען בעקאנט מיט דער פערגאנגענהייט פון די רעינקאוט־מאכער יוניאן, און ווייסען דאס מיט 2 יאהר צוריק איז לאקאל 20 פערדעבענט געוועזען אלס איינער פון די גרויסע לאקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל.

עס איז ניט געווען די שולד פון דער ארמיניסטראציאן פון לאקאל 20 און ניט פון די מעמבערס, וואס דער לאקאל איז געווארען קליין און אונבעדייטענד. עס האט פאסירט א צופאל, וואס האט פערורזאכט א שרעקליכע דעמאראליזאציאן אין דער גאנצער רעינקאוט אינדוסטרי איבער׳ן גאנצען לאנד, אבער לאמיר דערצעהלען בסדר:

אין דזשולאי 1913 האבען די רעינקאוט־מאכער אין ניו יארק ערקלערט א דזשענעראל סטרייק. נאך 6 וואכען קאמפף, איז דער סטרייק געוואונען געווארען — געוואונען אין אלע הינזיכטען. פאר 10 וואכען צייט נאכ׳ן סטרייק האט געהערשט פראספעריטי אין די רעינקאוט שעפער. די ארבייטער האבען פארדיענט גרויסע וויידזשעס. די איינגאהמע פון דער יוניאן איז געווען גרויס, א סטעף פון 7 בעאמטע האבען אטענדעט די ביזנעס פון דער יוניאן — דער רעינקאוט־מאכער איז געווען שטאלץ מיט זיין יוניאן.

אבער אין נאוועמבער 1913 האבען זיך אנגעפאנגען צו ווייזען סמנים פון טויט אין רעינקאוט טרייד — א נייער סארט גארמענט האט

צוטרויען און גלויבען, אז די יוניאן מוז עקזיסטירען און ווערען שטארק.

מיר האבען איצט א טרעזשורי פון 2 טויזענד דאלאר, טראָץ דעם וואס גרויסע סומען געלדער זיינען אויסגעצאהלט געוואָרען פאר פערשיעדענע צוועקען.

אין אלגעמיין זיינען מיר אלע צופריעדען מיט דעם געווינס פון סטרייק. די ארבייטס־בעדינגונגען אין די שעפער זיינען אין בעסטען צושטאנד און אָרדנונג. די פערדיענסטען זיינען צופריעדענשטעלענד. דער געווינס אין ווייד־זשעס אויף דער וואך איז פון 7 ביז 12 דאלאר מעהר ווי פריהער. די מעמבערס רופען זיך ווארעם אפ אויף יעדען רוף פון דער יוניאן. יעדער ארדער ווערט פינקטליך אויסגעפיהרט.

דעם 3טען אקטאבער זיינען פארגעקומען עלעקשאנס פאר בעצאהלטע בעאמטע און עקזע־קוטיוו מעמבערס. אין עקזעקוטיוו פון 15 איז ערוועהלט געוואָרען ווי אויך אלע סאב־קאמי־טעס. ברודער ת׳ דוכינסקי איז טשערמאן, ברודער ל. שווארטץ רעקארדינג־סעקרעטער. די בעצאהלטע בעאמטע זיינען: א. אלטשולער, סעק.־טרעזשורער און מענעדזשער, און פיליפ בערמאן ביזנעס אייגדזשענט.

א. אלטשולער,
ארגאנייזער לאָק. 20.

# 5 יאהר ארבייט פאר סאניטארע שעפער

דיזער ארטיקעל איז טיילווייז ענטנומען פון דעם לעצטען יעהרליכען בעריכט פון דער „דזשאינט באארד אף סעניטארי קאנטראל“ (וואס ווערט אין דיזען ארטיקעל דורכאויס גערופען „די סאניטאר באארד“). ער ענטהאלט אינטערעסאנטע פאקטען און אויסקינפטע וועגען די נייע אבטיילונגען וואס די באארד האט איינגעפיהרט פאר דעם בענעפיט פון די מעמבערס פון דער קלאוק און סקוירט מאכער יוניאן און וויסט און דרעסמאכער יוניאן.

דער רעפארט איז צוזאמענגעשטעלט פון דר. דזשארדזש מ. פרייס
(דירעקטאר פון דער באארד)

„אן עקספערימענט אין אינדוסטריעלע זעלבסט קאנטראל“. — אין דיזע ווערטער כא־ראקטעריזירט דר. פרייס, דער אונערמידליכער דירעקטאר פון דער סאניטאר באארד, די אר־בייט און דעם פראגראם פון דיזער ארגאניזא־ציאן, וואס איז די איינציגע ארגאניזאציאן פון דעם סארט אין די אמעריקאנער אינדוסטריען. מען קען אבער צולעגען דעם ווארט „ערפאלג־רייך“ צו דער ווארט „עקספערימענט“, ווייל פון די פאקטען און ציפערען וואס דער רעפארט ענטהאלט איז קלאר, אז א גרויסע צאהל שע־פער זיינען אויסגערייניגט געוואָרען און אז די ארבייטער פון דיזע אינדוסטריען האבען פיעל בענעפיטירט אין סאניטארע איינפיהרונגען, פייער שוץ און זיכערהייט אין די שעפער.

אנפאנג לעצטען זומער, ווען דער סכסוך צווישען דער יוניאן און דער פראטעקטיוו אסא־סיאיישאן איז געוואָרען געפעהרליך, האט דאס סימפאטישע פובליק זיך שטארק געשראקען פאר דער צוקונפט פון דיזער נוצליכער אינסטיטוציע. וואס וואלט טאקע געווען ווען די מאנופעקטשו־רערס און די ארבייטער וואלטען געבליבען צו־קריגט? וואלט ניט דורך דעם צושטערט גע־ווארען א וויכטיגע ארבייט פון 4½ יאהר פאר ריינע און סאניטארע שעפער? אהן א קא־לעקטיווען אגרימענט וואלטען סאניטארע בע־דינגונגען ניט געקענט דורכגעפיהרט ווערען אזוי סיסטעמאטיש און מעטאדיש ווי זיי ווערען דורכגעפיהרט פון דער סאניטאר באארד.

אויב אפילו די אגרימענטס מיט איינצעלנע מאנופעקטשורערס ענטהאלטען א פונקט וועגען סאניטארע בעדינגונגען, בלייבט דער פונקט כמעט אימער אויס'ן פאפיער. דערפאר וואס ניט די יוניאן און ניט די מאנופעקטשורערס האבען די צייט און געדולד זיך אריינטראכטען אין דעם ענין פון סאניטאציע, און האבען ניט די נויטיגע ערפאהרונג דורכצופיהרען געווינשטע סאניטארע פערבעסערונגען. פון דער ארבייט פון דער סאניטאר באארד און איהרע דעזולטא־טען קען מען זעהן, אז אום אריינצובריינגען אזעלכע פערבעסערונגען און פעסטשטעלען סא־ניטארע און זיכערונגס־סטענדארדס, איז נויטיג

נענער פּערזאָנטוואָרטליכקייט אַרויסרופן דעם רושענערל סטרייק און איך וועל־זיין מיט אייך ביז צו ענדע".

אַז דאָס איז געווען רובינסקי'ס ראַטה, און מיר האָבען דעם ראַטה אָנגענומען. א ברירה האָבען מיר געהאַט! מיר האָבען געוואוסט, דאָס זייענדיג אין קאָנפערענץ מיט דער אַסאָסיאיישאַן מאָנטאָג פריה, און ווען זיי וועלען ניט וויסען, דאָס 2 אוהר דעמזעלבען טאָג, וועלען זייערע אַרבייטער, פונקט אַזוי ווי פון אַלע אַנדערע שעפּער, אַרויסמאַרשירען, וועלען זיי ווערען ברוגז אויף אונז. אָבער דאָס האָט אונז ניט געקימערט. זיי האָבען אונז געלערענט, אַז מאַכט איז רעכט, און מיר האָבען אויך פערשטאַנען, אַז צו קאָנפערירען איז בעסער, ווען די אַרבייטער געפינען זיך אין די האַללס, אנשטאָט ביי זיי אין די שעפּער.

15 מינוט נאָך 2 זיינען זיי אינפאָרמירט געוואָרען דאָס זייערע אַרבייטער זיינען אַרויס אין סטרייק. זייער לאָיער, מיט זיי צוזאַמען, זיינען שרעקליך אויפגעבראַכט געוואָרען און האָבען אונז בעשולדיגט אין „בעד פעיטה". דאַרויף האָבען מיר געענטפערט אין פאָלגענדע ווערטער: „דושענטעלמען, דאָ זיינען 10 פונקטען וואָס מיר פערלאַנגען. איהר זאָלט נאָכגעבען, אויב איהר ווילט צוריק אייערע אַרבייטער, און אויב איהר ניט ניט נאָך, דאַן איז דער סטרייק ערקלערט".

א האַלבע שטונדע שפּעטער האָט די אַסאָסיאיישאַן איינגעווילינגט מיט אונז ווידער צו טרעפען זיך אין יוניאָן סקוועער האָטעל. מען האָט ווידער אָנגעפאַנגען צו קאָנפערירען, און עס איז געגאַנגען ווי געוואונשען. דיענסטאָג פאַרנאַכט האָבען זיי אונטערגעשריבען דעם פאָלגענדען אַגרימענט:

(1) 48 שטונדען זאָל זיין די אַרבייטס־וואָך.

(2) 70 סענט א שטונדע—דער באַזיס פאַר שטיק־אַרבייטער.

(3) $27.50 דער וועכענטליכער פּרייז פאַר קאַטערס.

(4) 24 דאָלאַר פאַר פּרעסערס.

(5) 40 און 50 סענט א הונדערט פאַר באַטענס נייהען.

(6) 18 דאָלאַר א וואָך פאַר מאַשין־באַטאַנס נייהען.

(7) זייערע קאָנטראַקטאָרס און סוב־מאַנופעקטשורערס זאָל פערשטאַנען ווערען אַלס זייערע אויטסייד שעפּער, פאַר וועלכע זיי ווערען נעהאַלטען פּעראַנטוואָרטליך און עס מוז אין זיי אָבגעהיט ווערען די זעלבע קאָנדיציאָנען ווי אין די אינסייד שעפּער.

(8) א יוניאָן־שאָפּ.

(9) א פערטרעטער פון דער יוניאָן זאָל האָבען דאָס רעכט אַרויפצוקומען אין זייערע שעפּער צו זעהן דאָס יוניאָן־קאָנדיציאָנען ווערען אָבגעהיט.

(10) וואָך־אַרבייטער זאָלען קריגען בעצאָהלט פאַר 10 ליגעל האָלידעיס.

אַזוי גיך ווי עס איז בעקאַנט געוואָרען, דאָס די אַסאָסיאיישאַן האָט געסעטעלט, האָבען די אינדעפּענדענט באַסעס זיך ניט געלאָזט פיעל בעטען און זיינען געלאָפען איינער איבער'ן צווייטען פאַר א סעטלמענט.

ווען דיעזע צייללען ווערען געשריבען, זיינען מעהר ווי 18 קאָנטראַקטאָרס אַרויס פון ביזנעס; דאָס הייסט, די וואָס האָבען ניט געהאַט קיין אינסייד שעפּער האָבען אַזעלכע שעפּער געעפענט און די אינסייד שעפּער האָבען אַריינגענומען מעהר אַרבייטער.

דער דורכשניטליכער געווינס אויף פּרייזען איז 40 פּראָצענט אויס'ן דאָלאַר.

דיענסטאַג, דעם 14טען סעפּטעמבער, האָבען מיר געפייערט אונזער זיג אין גרויסען „פאָרוועררטס"־האַלל. אַן אָרקעסטער מוזיק האָט געשפּיעלט אויף דער שמחה פון די רעינקאָוט־מאַכער.

אונזער פריינד, קאָנגרעסמאַן מאיר לאָנדאָן, האָט אונז בעעהרט מיט זיין אנוועזענהייט. גענ. אַלעקסאַנדער בערקמאַן האָט געקראָגען א הונדערט דאָלאַר פאַר קאַפּלאַן און שמידט דעפענס פאָנד און צו לעצט איז וויצע־פּרעזידענט רובינסקי פּרעזענטירט געוואָרען מיט א זילבערנעם בעכער („לאַווינג קאָפּ") פאַר זיין ערפאָלגרייכע דורכפיהרונג פון סטרייק.

דער צושטאַנד פון לאָקאַל איז איצט זעהר צופריעדענשטעלענד. א סטעפּ פון 3 בעאַמטע אַטענדען די אַרבייט פון לאָקאַל. דער לעסאָן וואָס די רעינקאָוט־מאַכער האָבען געהאַט פאַר דעם לעצטען יאָהר און א האַלב, האָט זיי צום פערשטאַנד געבראַכט, אַז מען מוז האָבען א יוניאָן און צאָהלען דיוס רעגעלמעסיג. און אַלע צאָהלען דיוס מיט בעגייסטערונג, מיט פולען

בעציהונגען מיט מאנופעקטשורערס און ארביי־
טער. זיי קומען ניט בעזוכען שעפער אין אונ־
ערוואַרטעטע צייטען, כדי צו געפינען עבירות
און בעשטראָפען דעם מאנופעקטשורער. די אויפ־
גאבען פון די אינספעקטאָרען איז צו פערהיטען
עבירות אנשטאט צו געפינען עבירות. דער
פרינציפ וואָס זיי דארפען האלטען אין זינן איז
ניט זוכען סאניטארע עבירות,
נור פערהיטען עבירות".

אז די אינספעקציאָנס־ארבייט ווערט גע־
טהאָן אויף א ריכטיגען אופן איז צו זעהן פון
דעם פאָלגענדען אויסצוג פון דעם לעצטען
רעפּאָרט:

„יעדער וואָס קומט איצט בעזוכען און נאָכ־
זעהען די שעפּער אין די צוויי אינדוסטריען,
וואָס זיינען אונטער דער השגחה פון דער סאַ־
ניטאַר באָארד, איז אַנגענעהם איבערראַשט צו
זעהן זייער פיינעם סאַניטאַרען צושטאַנד און
די גרויסע ענדערונג אין א סאַניטאַרען זינן, וואָס
איז פאָרגעקומען אין די אינדוסטריען אין פער־
לויף פון די לעצטע 5 יאָהר. מיט יאָהרען פריי־
הער זיינען די קלאָוק־שעפּער און וויסט־שעפּער
בעטראַכט געוואָרען אלס שעדליך פאַר דעם גע־
זונד פון די ארבייטער און אלס א געפאַהר
פאַר דעם געזונדהייטס־צושטאַנד פון דעם פּוב־
ליק בכלל. מען פלעגט ארבייטען אין דער־
היים. עס זיינען געווען א סך „סוועט"־שעפּער
און קעלער פאַבריקען. די מאַשינען זיינען
כמעט איבעראַל געטריבען געוואָרען דורך פוס־
קראַפט. א גרויסע צאָהל שעפּער זיינען געווען
אויף דער איסט־סייד. אין פינסטערע, מרה־
שחורה'דיגע טענעמענט הייזער, אָדער אַלט־
פרענקישע פאַבריק־געביידעס. מען האָט אין
גאַנצען פערנאַכלעסיגט אויפצופּאַסען אויף
זייער ריינליכקייט, בעקוועמליכקייט אָדער סאַ־
ניטאַרען צושטאַנד. און די ארבייטער האָבען
געליטען אין געזונד פון אזא טרויעריגען צו־
שטאַנד.

איצט געפינען זיך בלויז א דוצענד אָדער
צוויי דוצענד שעפּער וואָס בעלאַנגען צו קלאַס
„די". היים־ארבייט עקזיסטירט ניט מעהר אין
דער אינדוסטרי. די „סוועט"־שעפּער זיינען
אָבגעשאַפט געוואָרען. מען טרייבט ניט מעהר
די מאַשינען דורך פוס־קראַפט. קעלער־פאַבריי־
קען זיינען פערשוואונדען געוואָרען. די מייסטע
שעפּער זיינען אין, וואָס מען רופט, דעם „פינפ־
טען עווניו דיסטריקט", אין ליכטיגע, לופטיגע
און בעקוועמע געביידעס. די ריינליכקייט,
בעקוועמליכקייט און סאַניטאַרע בעדינגונגען
פון די שעפּער זיינען אויסגעבעסערט געוואָרען
הונדרט מאָל אזוי פיעל און די ארבייטער האָ־
בען זעהר פיעל געוואונען אין געזונד.

## די ארבייט פאַר פייער־שוץ.

אין יאַנואַר און פעברואַר 1911, נאָך איידער
עס האָט פּאַסירט דער טרייענגעל פייער, וואָס
האָט אומגעבראַכט אויף א שוידערליכען אופן
147 לעבענס, האָט די באָארד פאָרגעלייגט פאַר
די שטאָדט רעגירונג א ליסטע פון געביידעס,
וועלכע איהרע אינספעקטאָרען האָבען געפונען
פאַר אונזיכער און ניט בעוואָרענט פאַר פייער,
און האָט זיי געוואָרענט וועגען דעם געפאַהר
פון ריעזע געביידעס.

גלייך פון דער צייט אָן וואָס זי איז אָר־
גאַניזירט געוואָרען, האָט די באָארד זיך גענו־
מען די גרעסטע מיה אויפצוקלעהרען די עפענט־
ליכע מיינונג וועגען דער וויכטיגקייט פון פייער־
שוץ. די באָארד האָט געארבייט צוזאַמען מיט
די פערשיעדענע שטאָדט דעפּאַרטמענטס פאַר
געזיכערטע געביידעס — צו פערהיטען פייערען
און צו פערמינדערען דעם שרעק פאַר פייער.

איהרע אינספעקטאָרען זיינען בעאויפטראַגט
געוואָרען אויסצוגעפינען די פעהלערען פון די
געביידעס, וואָס מאַכען זיי פאַר אונזיכער אין
פאַל פון א פייער, — אויסצוגעפינען צי די
אונזיכערהייט קומט דערפון, וואָס עס זיינען
ניטאָ גענוג טהירען פון וועלכע זיך צו
ראַטעווען; צי דערפאַר וואָס די פייער־לייד־
טערס און פייער־„עסקייפּס" זיינען ניט אויף
די ריכטיגע ערטער; צי מען קען ניט אָבשאַפען
די טהירען וואָס זיינען ווי פייער־פאַסטקעס;
צי מען קען ניט ברייטער מאַכען די דורכגענג אין
די שעפּער און צי מען קען ניט פערגרעסערען
די שוץ־מיטלען געגען שרפות אין געביידעס.

צוליעב דעם איינפלוס פון דער סאַניטאַר
באָארד, איז אָנגענומען געוואָרען אין סטייט
לעדזשיסלייטשור א געזעץ, וואָס האָט געבראַכט
אין עקזיסטענץ די קאָמיסיאָן צו אונטערזוכען
פאַבריקען אין גאַנץ ניו יאָרק סטייט. און דער
דירעקטאָר פון דער סאַניטאַר באָארד איז בע־
שטימט געוואָרען ביי דער קאָמיסיאָן אלס דיי־
רעקטאָר פון די אונטערזוכונגען. זייט 1911
האָבען די מעמבערס פון סאַניטאַר באָארד גע־
נומען א טהעטיגען אנטהייל אין יעדע בעוועג־
גונג, וואָס איז אָנגעפיהרט געוואָרען אין סטייט

צו מאכען ספעציעלע אונטערזוכונגען דורך עקספערטען. אט בלויז דערפאר איז די ארבייט פון דער סאניטאר באארד געווען אן ערפאלג.

עס וואלט אבער קיין ערפאלג ניט געקענט זיין, ווען די טרייד וואלט ניט געווען ארגאניזירט; ווען עס וואלטען ניט געווען א שטארקע יוניאן און אן אסאסיאיישאן פון מאנופעקטשורערס. בלויז אין טט־ארגאניזירטע יוניאן־שעפער איז מעגליך דורכצופיהרען און אבהיטען געוויסע רולס וועגען סאניטאציע און זיכערהייט. בעזונדערס איז דאס דער פאל אין די קליידער אינדוסטריען, וואו קליינע שאפקעס וואקסען אוים ווי שוועמלעך אין אלערליי פערוואָרפענע ערטער. אין די ניט־יוניאן שעפער קענען די מאנופעקטשורערס און די ארבייטער ניט פיהלען די פפליכט נאכצוקומען וועלכע עס איז סאניטארע רולס. אפילו די סטייט אדער שטאדט געזעצע וועגען סאניטארע בעדינגונגען ווערען ניט אבגעהיט. עס זיינען קיינמאל ניט געווען א גענינענדע צאהל פאבריק אינספעקטארען וואס זאלען אויפפאסען, אז דיעזע געזעצע זאלען אבגעהיט ווערען. אבער אין ארגאניזירטע יוניאן שעפער ליגט א בעשטימטע פפליכט אויף די מאנופעקטשורערס און ארבייטער און די דזשאינט באארד אוו סעניטארי קאנטראל פאסט אויף, אז מען זאל די פפליכט נאכקומען.

### די איינפלוס פון אויפקלעהרונג.

די באארד האט פערשיעדענע מיטלען ווי דורכצופיהרען איהרע סטענדארדס, דאך בענוצט זי קוים וועלכען עס איז צוואנג. זי בעמיהט זיך הויפטזעכליך צו בעאיינפלוסען גלייכגילטיגע מאנופעקטשורערס איינצופיהרען סאניטארע פערבעסערונגען און נאכקומען סטענדארדס. די בעאמטע פון דער באארד זעהן זיך מיט מאנופעקטשורערס און גיבען זיי עצות ווי זיך נוהג צו זיין. די סאניטאר סערטיפיקייטס, וואס די באארד גיט ארויס צו מאנופעקטשורערס, וועלכע היטען אב אלע סאניטארע בעדינגונגען, האבען א גוטע ווירקונג.

חוץ דיעזען מאראלישען איינפלוס, האט די סאניטאר באארד אויך אנגעפיהרט א שטארקען קעמפיין פון אויפקלעהרונג צווישען מאנופעקטשורערס און ארבייטער. איהרע בולעטינס זייכען אימער געווען פון גרויסען ווערטה. דער רעפארט זאגט וועגען דעם פאלגענדעס:

„די פערשיעדענע בולעטינס וואס ווערען ארויסגעגעבען פון צייט צו צייט און פאנאנדערגעטהיילט אין א גרויסער צאהל צווישען די ארבייטער, פערשפרייטען אינפארמאציאן און אויפקלעהרונג וועגען עניני פון סאניטאציע און געזונדהייט. אין 1915 איז ארויסגעגעבען געווארען א ספעציעלער בולעטין וועגען פייער־שוץ פאר די מאנופעקטשורערס און א ספעציעלער בולעטין — „די ארבייטערס געזונדהייטס בולעטין" — אין ענגליש, אידיש און איטאליעניש. 70 טויזענד קאפיעס פון דיעזען בולעטין זיינען פערשפרייט געווארען צווישען די ארבייטער אין די שעפער".

די לעקטשורס וואס די באארד האט פערנאנשטאלטעט אין די שעפער און ביי פערזאמלונגען האבען פיעל בייגעטראגען צו דיעזער אויפקלעהרונג. אינטערוויוען מיט מאנופעקטשורערס, קאנפערענצען מיט ארבייטער־פיהרער, אויסשטעלונגען, ארטיקלען און בריעף אין דער טרייד־פרעסע — אט דורך דיעזע אלע מיטלען איז געטהאן געווארען א סך אויפקלעהרונגס־ארבייט צווישען אלע די וואס האבען, אדער דארפען האבען, א פערזענליכען אינטערעס אין דעם סאניטארען צושטאנד און זיכערהייט אין די שעפער, ווייל עס איז פאר זייער טובה און פאר די טובה פון זייערע מיט־מענשען.

### פראקטישע ארבייט — אינספעקציאנען.

די פראקטישע ארבייט פון דער באארד בעשטעהט אין א צאהל וויכטיגע אונטערנעהמונגען וואס האבען א ווייטע און ברייטע ווירקונג. איין אבטהיילונג פון דיעזער ארבייט איז די אינספעקציאנען אין די שעפער. דיעזע אינספעקציאנען ווערען אזוי סיסטעמאטיש געפיהרט, אז זיי דערגרייכען אלע 2600 שעפער איבער וועלכע די באארד האט צו זאגען. די באארד האט איינגעטהיילט די שעפער אין קלאסען „איי", „בי", „סי" און „די" און זי לאזט מאכען וועכענטליכע, מאנאטליכע, האלב־יעהרליכע און יעהרליכע אונטערזוכונגען וועגען דעם סאניטארען צושטאנד. זי מאכט אויך ספעציעלע אונטערזוכונגען ווען א מאנופעקטשורער נעהמט א נייעם „לאפט" אדער שאפ. חוץ דעם אונטערזוכט זי פערשיעדענע קלאגעס. אט וואס דער רעפארט זאגט וועגען דעם ענין:

„אונזערע מעטאדען פון אינספעקציאן זיינען גאנץ אנדערש איידער די מעטאדען וואס עס בענוצען די סטייט און שטאדט דעפארטמענטס. אונזערע אינספעקטארען ווערען בעאויפטראגט זיך צו שטעלען אין פריינדליכע

עס איז איינגעפירט ספעציעלע צייהן־אונטערזוכונג און ראטה פאר מעמבערס און

ספעציעלע אויגען־אונטערזוכונג;

ספעציעלע לונגען און ברוסט אונטערזוכונג און

ספעציעלע אונטערזוכונג פון לונגען און ברוסט דורך „עקס־ריי“ שטראהלען.

אין פערלויף פון דיעזען יאהר איז די ארבייט פון דער מעדיצינישער אבטהיילונג פערגרעסערט געווארען. ניט נור ווערען פיעל מעמבערס אונטערזוכט אין אפיס, זאנדערן די דאקטוירים פון דער באארד גיבען מעדיצינישען ראטה צו אלע ארבייטער וואס קומען אונטערזוכט ווערען.

די אפיסעס פון דער באארד זיינען פיעל פערגרעסערט געווארען. עס זיינען איינגעשטעלט געווארען די נייעסטע אינסטרומענטען פאר דיאגנאז, אדער דערגעהן די קראנקהיים. די דאקטוירים פון דער באארד מאכען א פאלשטענדיגע אונטערזוכונג דורך „עקס־ריי“ שטראהלען, ווען עס פאדערט זיך. די באארד בעשעפטיגט אויך א רענטיפסט, אן אויגען־דאקטאר און א לונגען ספעציאליסט, וועלכע בעטראכטען מעמבערס וואס ליידען פון אזעלכע קראנקהייטען.

און אין שטאָדט, צו מאַכען די פאַבריקען זיכערער פאַר די ארבייטער.

ווען די ניו יאָרק סטייט לעדזשיסלייטשור האָט אָנגענומען דעם פונקט וועגען „פייער־דריל", און האָט דערמיט געזעצליך פערפפליכטעט די פאַבריק אייגענטהימער צו מושטירען די ארבייטער אין די שעפער ווי זיך צו ראַטעווען אין פאַל פון פייער, ווענינסטענס איינמאָל א מאָנאַט, האָט די סאַניטאַר באָארד ניט געוואַרט ביז די סטייט און שטאָדט רעגיערונגען וועלען אריינטרעטען אין דיעזער בעוועגונג. זי האָט גלייך אָרגאַניזירט אן אָבטהיילונג פאַר „פייער דריל". זי האָט אָנגעשטעלט לעהרער צו געבען די ארבייטער אונטעררייכט און עס איז איהר געלונגען צו בעוועגען די מאַנופעקטשורערס פון 322 שעפער איינצופיהרען און אָבהאַלטען „פייער דריל" איינמאָל א מאָנאַט.

אויסערהאַלב אונזערע אינדוסטריען איז דאָס געזעץ א טויטער בוכשטאַב. אין אַלע איבריגע אינדוסטריען אין גאַנץ ניו יאָרק ווערען אָבגעהאַלטען קוים 100 „פייער דריללס" א מאָנאַט, אָבער אין אונזערע אינדוסטריען ווערט דאָס געזעץ אויסגעפאָלגט ווענינסטענס אין 400 שעפער.

די ארבייט פון אונזער „פייער דריל" אָבטהיילונג בעשטעהט פון אונטערזוכונגען וועגען מיטלען צו פערהיטען שרפות; ערשטע אונטעררייכט צו ארבייטער וועגען די ארויסגאַנגס־טהירען און רעטונגס־לייטערס; מאָנאַטליכע „פייער דריללס".

## מעדיצינישע טהעטיגקייט פון דער סאַניטאַר באָארד.

אָנפאַנגס יאָהר 1912 איז די באָארד געקומען צום שלוס, אז די סאַניטאַר ארבייט אין דער אינדוסטרי קען ניט אָנגעפיהרט ווערען מיט ערפאָלג, סיידען עס וועט אין דער זעלבער צייט געמאַכט ווערען אן אנשטרענגונג צו פערבעסערען די געזונד פון די ארבייטער. כדי אויסצוגעפינען דעם געזונדהייטס־צושטאַנד צווישען די ארבייטער אין טריידס, האָבען מיר אין *1912* קודם כל אונטערזוכט 800 ארבייטער. דיעזע אונטערזוכונג האָט ארויסגעבראַכט דעם פאַקט, אז די ארבייטער ליידען פון פיזישע פעהלערען און אז עס זיינען פאַראַן פיעל מעהר פעלע פון לונגען־שווינדזוכט אין דער אינדוסטרי ווי מען דאַרף ערוואַרטען.

עס האָט זיך דאַן אָנגעהויבען א שטאַרקע אגיטאַציע צווישען די לאָקאַלס פון דער אינטערנעשאָנאַל פאַר א פיזישע אונטערזוכונג פון די ארבייטער און פאַר שאַפען מיטלען צו העלפען קראַנקע ארבייטער. עס זיינען פאָרגענומען געוואָרען פלענער ווי צו ראַטעווען שווינדזיכטיגע מיטגליעדער — דאָס הייסט: אוועקנעהמען זיי פון דער ארבייט, אוועקשיקען זיי אויף פרישע לופט און אָנווענדען יעדען מיטעל אויסצוקורירען זיי פון דער קראַנקהייט.

אין מאַרטש 1913 האָט די קלאָוק פרעסערס יוניאָן, לאָקאַל 35, וואָס בעשטעהט פון איבער 8 טויזענד מעמבערס, די ערשטע איינגעפיהרט טובערקולאָזען בענעפיט. יעדער מעמבער האָט געדאַרפט איינצאָהלען א דאָלאַר א יאָהר און דערפאַר האָט די יוניאָן געהאָלפען קראַנקע מעמבערס מיט *150* ביז *200* דאָלאַר, צו דעקען די קאָסטען פון זיין 10 ביז 20 וואָכען אין א סאַניטאַריום אין די „קעטסקיל"־בערג.

*נאָכדעם האָבען* אויך *לאָקאַל 9*, וואָס בעשטעהט פון 12 טויזענד שניידער און פינישער, און לאָקאַל 23, וואָס בעשטעהט פון 7 טויזענד סקוירטמאַכער, איינגעפיהרט א טובערקולאָזען פאָנד.

אין 1914 האָט לאָקאַל 35 אויך איינגעפיהרט א קראַנקען־קאַסע, פון וועלכער עס ווערט בעצאָהלט 5 דאָלאַר א וואָך 10 וואָכען אין יאָהר צו מעמבערס וואָס ליידען פון וועלכע עס איז שווערע קראַנקהייט.

אין דער מעדיצינישער אָבטהיילונג פון דער סאַניטאַר באָארד ווערען אונטערזוכט די מעמבערס פון דיעזע לאָקאַלס און די בענעפיטס פון די טובערקולאָזען און קראַנקען קאַסען זיינען אונטער איהר השגחה.

## די אויפגאַבען און פונקציעס פון דער מעדיצינישער אָבטהיילונג:

עס ווערט אונטערזוכט אירגענד וועלכער מעמבער פון די יוניאָנס.

עס ווערען אונטערזוכט קאַנדידאַטען וואָס ווילען ווערען מעמבערס אין די לאָקאַלס 9, 23 און 35.

עס ווערט אויפגעפאַסט אויף דעם קראַנקען בענעפיט פון לאָקאַל 35.

עס ווערט אויפגעפאַסט אויף דעם טובערקולאָזען בענעפיט פון די לאָקאַלס 35, 9 און 23.

די שווינדזיכטיגע מעמבערס פון דיעזע לאָקאַלס זיינען אונטער דער השגחה און קאָנטראָל פון דיעזער אָבטהיילונג.